STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09989

FUN MAYN BRUNEM

Rose Kraditor

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָזע קרעדיטאָר

פון מיין ברונעם

פון מיין ברונעם

פון
ראָזע קרעדיטאָר

פאַרלאַג „משפחה"

ניו־יאָרק — תשכ"ח — 1968

ROSE KRADITOR

FUN MEIN BRUNEM

(From My Well)

•

FARLAG "MISHPOCHE"

•

Copyright, 1968
by
ROSE KRADITOR
435 Neptune Ave.
Brooklyn, N. Y.

•

Printed in the U. S. A. by
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

דאָס בוך ווידמע איך מיינע עלטערן
נחמן און גאָלדע ע״ה
און מיין מאַנס עלטערן
יצחק און האָדע־דינה ע״ה

אינהאַלט:

געצײילטע ווערטער — 9
מיין ברונעם — 11
קומען וועט — 12
אין עלנט — 13
יום־הדין — 14
פרילינג־רעגן — 15
אַ בוים ביים פענצטער — 16
מענטש און ערד — 17
זינגען זיי צוזאַמען — 18
ווען דער ווינטער קומט אָן — 19
רויטער ראַבין — 20
יאָרן מיינע — 21
באַרג אַרויף — 22
סוף זומער — 23
אויסגעלאָשענע אויגן — 24
שנייעלעך — 25
גיי געזונט — 26
אַ האַרבסט בלעטל — 27
קינדער פרייד — 28
בריוו — 29
צום שטורעם — 30
צען יאָר יונג ישראל — 31
פאָר געזונט — 32
אַזוי וועט שוין זיין — 33
פליט דאָס לעבן — 34
אַ שטאָלצער בוים — 35
אַ שטיין אין וואַלד — 36
יאָ, געלט מוזן מיר האָבן — 37
פרילינג קומט און גייט צוריק — 38
חנה סענעש — דער אויסגעלאָשענער שטערן — 39
אַלט־שטאָט ירושלים — 40
אין וואַלד — 41
פאַטער־טאָג — 42
ביים סנהדרין גאָרטן — 43
עס האָט אַזוי געדאַרפט געשען — 44
דער בעל־תפילה — 45
אין שעה פון שקיעה — 46
אין די בערג — 47
פון טרויער צו שמחה — 48
פרישע בלומען פונעם גאָרטן — 49
נאָר דו קענסט מיר העלפן צום נייעם יאָר — 50
אַ מלחמה־חתונה — 51
אין באַגעגעניש־רויש — 52
אַ בילד אַזאַ — 53
אויפן לאַנד — 54
פאַרמאַך איך מיינע אויגן — 55
מיין עליה אין ישראל — 56
א. לוצקי — אין לעבן און טויט — 57
אַ בוים רעדט — 58
אין לעצטער שעה — 59
צו אַ נשמה־פריינט — 60
ווינטל, שטיפער — 61
פאַריתומט דעם דיכטערס וואָרט — 62
אין באַגינען — 63
עפעס איז געשען — 64
געוועזן און ניטאָ — 65
אַ פונק ליכט — 66
ביים יאָרצייט־ליכט — 67
צו מיין זון אין דינסט — 68
מענטש — דער וואַנדערער — 69
מיין שונא — 70
דער וועג צום טיר — 71
אין קאַשמאַר — 72
אַל־געטלעכקייט — 73
קינדער־שפיל אין פעלד — 74
איר טרייסט — 75
דאָס בילד אויף דער וואַנט — 76
אַ בוים פילאָזאָפירט — 77
מיין מאַמען אַ מתנה — 78
זאַנגען אין פעלד — 79
צו אַ בלעטל — 80
מיין יוגנט — 81
ישראל שמש — 82
אין יעדער שעה — 83
זומער־שטורעם — 84
אַ ווינטל — 85
מיין ערשטע לופט־רייזע — 86
פרעגט מיך ניט — 87
אַן אוראַגאַן — 88
ווינטער־וועגן — 89
אַ מתנה — 90
צו מיין פריינד — 91
איך שפין מיין ליד — 92
אַ מאַמע רעדט — 93

נאַכט און ים — 94
ווען זון גייט אויף — 95
אין אַ שיינעם טאָג — 96
דו זעסט דאָך גאָט — 97
מיין באָבעס גאָרטן — 98
שלש עשרה מידות — 99
עס דאַכט זיך מיר — 100
יוגנט — 100
צו אַ פריינד — 101
אַ כאַראַקטער אַזאַ — 101
צום חלוץ — 102
לבר־מצוה — 103
גוט מאָרגן דיר, גאָלדעלע — 104
Why — 105
Sometimes — 105
ווען וועט משיח קומען — 106

●

די פאָלגנדיקע קאָמפּאָזיטאָרס האָבן געשריבן מוזיק צו מיינע לידער:

הענעך קאָן

מרדכי ירדני

חיים פערשקאָ

אסתר צוויג

געצײלטע װערטער

ידער שרײבער װיל זײנע געדרוקטע זאַכן זען אין אַ בוך. די באַציאונג צו אַ בוך איז אַ מער חשובערע װי צו אַ צײטונג אָדער אַ זשורנאַל. איבערהויפּט איז עס אַזוי בײ אונדז ייִדן — בײם „עם־הספר".

װילט זיך אויך מײן באַשײדענעם „גאָב" זען צװישן צװײ טאָװ־לען. אין דעם שײער פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע, װילט זיך אויך אַרײנברענגען מײן ליד...

װעגן דעם װערט פֿון די לידער — דאָס לאָז איך איבער צו די לײענער און צו די אָפֿיציעלע קריטיקער. הגם עס דאַרף דאָ באַמערקט װערן, אַז ניט אַלעמאָל זײנען די קריטיקער דורכאויס גערעכט. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

יעדנפֿאַלס, איך בײ זיך פֿיל און װײס, אַז איך האָב מײנע לי־דער געשעפּט פֿון מײן אײגענעם ברונעם; איך האָב אויף אַ באַ־שײדענעם אופֿן מײן געמיט, מײנע געפֿילן, שטימונגען און געדאַנקען פּרובירט אויסזינגען — לויט מײנע בעסטע כוחות...

דאָ װעל איך זיך אָפּשטעלן און אויסדריקן, קודם, אַ דאַנק צו מײן ליבן מאַן פֿאַר צוגעבן מיר מוט אָנצוגײן מיט מײן שרײבן. אויך װיל איך באַדאַנקען מײנע טײערע קינדער פֿאַר זײער חלק מוט װאָס זײ האָבן מיר געשאָנקען.

און גאָר אַ באַזונדערן דאַנק װיל איך אויסדריקן מײן נאָענטן פֿרײנד, דעם באַקאַנטן שרײבער, מוזיק־קריטיקער, לעקטאָר, קאָנ־צערט־זינגער, חזן און קאָמפּאָזיטאָר, מרדכי ירדני, פֿאַר זײנע אָנ־װײזונגען, גוטע עצות און מיר העלפֿן צוגרײטן דעם בוך צום דרוק.

װגם, אַ דאַנק אַלע מײנע גוטע פֿרײנד פֿאַר זײער חברשאַפֿט און װאַרעמקײט.

ראָזע קרעדיטאָר

ברוקלין, נ. י., 1968.

מיין ברונעם

איך האָב מיר מיין אייגענעם ברונעם,
וואו איך שעפּ מיינע פּערזן, מיין ליד;
כאָטש ניט טיף, גאָר ניט טיף איז מיין ברונעם,
דאָך גענוג אויף צו וועבן אַ שיר.

איך פּורעם מיין ליד ווי מיט ציגל,
די ווערטער — זיי שווימען אַרויף;
איך צערטל זיי ווידער און ווידער,
ביז איך שטעל מיינע פּערזן צונויף.

און אַלץ איינס אַוואו איך געפינען זיך,
אין גאָרטן. צי גאָר ביי דעם ים, —
און אָפט גאָר ביינאַכט אויף געלעגער,
פון ברונעם אַ שיר קומט מיט גראַם...

און זיץ איך אין קליינקן גאָרטן,
וואו העזעלעך שוועבן אַרום, —
זינג איך מיט פייגעלעכס זינגען,
מיין ליד פונעם בוים און פון בלום.

קומען וועט

צו חנהלען און מרדכי ירדני

קומען וועט די שעה,
מאָרגן, אויב ניט היינט,
ווען ס׳וועט מענטש צו מענטש
ווערן שוין — אַ פריינט!

ווען עס וועלן ברידער,
אין אַ ווילד געיעג,
איינער ניט דעם צווייטן
שטעלן זיך אין וועג...

ווען עס וועט ניט מערער
קיין פאַרוואָגלט קינד,
הין און הער, ניט ווערן
געוואָרפן ווי פון ווינט...

אפשר איז דער טאָג שוין
טאַקע גאָר ניט ווייט,
ווען ס׳וועט מענטש מיט מענטש
לעבן זייט ביי זייט...

אין עלנט

צום אָנדענק פון אסתר ברעסלער

אין מיין עלנטקייט איז זי
אַלע מאָל לעבן מיר געווען;
האָב איך אַ טרער אָפּגעווישט —
האָט זי עס באַלד דערזען.

אַמאָל אויף מיר אויך אָנגעשריגן,
ווי ס׳שרייט אַ מאַמע אויף איר קינד,
ווען דאָס דאַרף שלאָפן גיין,
כדי צו היטן זיין געזונט.

אירע ווערטער, ווי אַ באַלזאַם
איינגעזאַפּט האָט מיין נשמה;
אין מיינע יאָרן, טרויעריקע,
געפונען כ׳האָב אין זיי נחמה.

און קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן
איר טרייסט צו מיר אין צייט פון פיין;
און אייביק וועט זי, ווי אַ היילונג,
טיף ביי מיר אין האַרצן זיין.

יום־הדין

עס בויגן שוין די קעפּעלעך
די צווייגעלעך און בלעטעלעך ;
זיי סודן זיך און וואַקלען זיך
אַהער און אַהין —
זיי ציטערן און פלאַטערן
פאַרן יום־הדין...

ווי די בלעטעלעך, אויך די גראָזן,
זיי פילן זיך פאַרלאָזן.
ווייל זיי קאָן די צייט ניט נאַרן —
זיי מוזן טריקענען און דאַרן...

גאָר טיף איינגעוואָרצלט
איז אין ערד — דער בוים,
ווי פאַרזונקען, שטייט ער,
אין אַ טיפן טרוים...
פון יום־הדין ווייסט ער
קיינמאָל ניט די צייט —
צי איז זיין סוף נאָענט —
אָדער ווייט...

אויך מענטש — ווי בוים —
ווייסט ניט זיין ענד ;
מיינט, אַז ס׳איז נאָר
אין אים געווענדט...
ער יאָגט זיך נאָך רייכקייט,
אָן אַ זין ;
פאַרגעסט צו טראַכטן —
פון יום־הדין...

פרילינג־רעגן

צו סילוויאַ און גרשון גאָלדבערג

קומט אַן אַ וואָלקן, פאַרדעקט זון און שטראַלן,
אַ בליץ און אַ דונער, און רעגן נעמט פאַלן;
פרייען זיך קינדער מיט פרילינגס פאַרמעגן,
ווייל בלומען און גראָזן וואַקסן פון רעגן.

רונדאַרום לויפן די קינדער און טאַנצן,
וואַשן זיך, צוואָגן די קעפּעלעך אויס;
רעגן, ער מאַכט דאָך צום וואַקסן די פלאַנצן,
ווילן אויך קינדערלעך וואַקסן, זיין גרויס.

זיי הויבן אַרויף און אַראָפּ מיט די קניען.
הויבן זיך העכער און מיינען — זיי פליען, —
ווען ס׳וואָלטן די קינדערלעך פליגל פאַרמאָגן,
זיי וואָלטן אַרויף צו די וואָלקנס זיך טראָגן!

אַ בוים בײַם פענצטער

שוין יאָרן גאָר אַ סך,
בײַם פענצטער, וואו כ'וואוין,
בײַט צוויי מאָל אין יאָר זיך,
מײַן געמיט — דורך אַ בוים!

ווען ס'קומט אָן דער פרילינג,
ווען ער צעבליט זיך, און גרינט —
דערוועקט ער אין האַרץ מיר
אַ פרייד פון אַ קינד...

ווען אָבער, אין אָסיען,
ער ווערט נאַקעט און דאַר —
כ'דערזע אים, און ס'האַרץ מײַנס
צעגייט זיך אין צער...

מענטש און ערד

כ׳לעבן די וועלט איז משוגע:
מענטשן האָבן ניט קיין ווערט.
צייטן פאַרגייען מיט דורות —
בלייבן בלייבט אַלץ נאָך די ערד.

צו וואָס גיסט זיך מענטשלעך בלוט?
אַלץ ווערט פאַרניכטעט, צעשטערט.
וואָס, און צו וואָס, — דער קרבן,
פאַר בלויז ערד, ערד, ערד?

זינגען זיי צוזאַמען

שפּילן קינדער אין די גאַסן,
פון אַלע פעלקער, אַלע ראַסן.

איז זיי גוט, זיי פּילן פריי,
ווייל דער פרילינג איז זיי ניי.

און די קינדערלעך די קליינע,
אויך די פייגעלעך די שיינע,

זינגען לידעלעך און זשומען,
פון איבעראַל פון וואַן זיי קומען.

און די קינדער, פון דעם שפּילן,
פאַנגען אָן שוין מיד צו פילן;

ווערט הימל בלוי מיט נאַכט פאַרצויגן,
און פאַרשלעפערט קינדער־אויגן.

ווען דער ווינטער קומט אָן

ווען אַ פראָסטיקע קעלט נעמט אַרום
מײַנע מאַכטלאָזע, מידע גלידער,
דאַן דערזע איך אויפסנײַ די שטום
צעקרומטע, צעוויטאָקטע מינעס
פון אונדזערע ווײַטע גלות־ברידער
וואָס קלאָגן מיט נײַע „קינות״;
צעזייט און צעשפּרייט ערגעץ ווײַט,
אין מזרח, מערב, צפון, דרום־זײַט.

בײַזער ווינטער קומט אָן מיט זײַן ברומען,
מיט זײַנע פראָסטיק־קאַלטע, טיף־בײַסנדע צײַנער,
פאַר די עלנט־פאַרוואָגלטע, טוט דאַן קומען
אַ קעלט וואָס מאַכט ציטערן הויט און בײנער;
אין אָרעמען הײַזל זיצן אַלע צעשראָקן,
אָן וואַרעמע קליידער, אָן שיך און זאָקן,
אַלע האָבן זיך געשטופּט צו די הרובע־ווענט,
אין הרובע האָט דאַן אַ יאָרצייט־ליכט געברענט.

דאָס וואַרעמט זיי נאָך ביז היינט־צו־טאָג,
אונדזערע ברידער אין קעלט, פּײַן און קלאָג,
טרוקן זײַנען זייערע קערפּערס פון נויט,
זיי האָבן ניט צו־זאַט אַ שטיקל ברויט...

רויטער ראַבין

זינג רויטער ראַבין, זינג דיין ליד,
איך האָב עס ליב, זינג עס העכער,
אויף די ביימער, אויף די דעכער,
פליסטו אין פעלד, צי אין וואַלד,
קום צוריק, קום זשע באַלד.

ווייל דיין זינגען רופט אַרויס ביי מיר,
געפילן שיינע גאָר אָן אַ שיעור,
און איך הער אין דיין זינגען —
זומער־פריידן, יוגנט־קלאַנגען,
רופסט צום לעבן און פאַרלאַנגען...

יאָרן מיינע!

קייקלען זיך האַסטיק די יאָרן,
קומען קיינמאָל ניט צוריק,
דורך נויט און פּיין און צאָרן;
און מיידן אויס — דאָס גליק.

יאָרן מיינע, זאָגט וואוהין,
טראָגט איר מיך, דורך נעכט און טעג?
וואָס איז פון לעבן מיינס, דער זין,
און ווען דערגרייך איך שוין אַ ברעג?

איר יאָגט מיך שנעל דורך לופט און צייט,
אויף אייערע פליגל אַוועק,
איר שטויסט מיך האַסטיק ערגעץ ווייט,
און איך שלעפּ זיך מיט, מיט שרעק...

באַרג אַרויף

צו אַ באַרג כ׳בין צוגעגאַנגען
און לעבן אים געבליבן שטיין;
צו זיין הויך אַרויפגעבליקט
און געזאָגט צו זיך אַליין:

„וועל איך קאָנען דאָס באַווייזן?
וועל איך האָבן קראַפט און מוט?״
האָט אַ שטים מיר אָפּגעענטפערט:
„גיי און שטייג, אויף גאָטס באַראָט!״

האָט דאָס קול מיר טרייסט געגעבן;
דערשפירט האָב איך מיין כוח!
כ׳האָב אָנגעהויבן קלעטערן,
דערגרייכן דאָס בערגישע הויך...

קלעטער איך — טראָט ביי טראָט,
מיט האָפענונג און גלויבן, —
אַז דערגיין וועל איך דעם סוד
פון — העכער זיך דערהויבן...

סוף־זומער

ווער האָט עס אין הימל געגעבן אַ שניט
און צעוואָרפֿן פֿײַער־רויט אין אַ מינוט ?
און באַלד אַזאַ קלאַפּ אַזוי מוראדיק שטאַרק,
אַז געציטערט האָבן די ביימער אין פּאַרק ?
אַ שניט נאָך אַ שניט, אַזוי מוראדיק גרויס :
אַיעדער שניט רופֿט טויט־שרעק אַרויס.
מײַן קינד, איך טוליע נאָענט צו מיר ;
און אָט שמייכלט די זון שוין ווידער צו מיר.

אויסגעלאָשענע אויגן

אויסגעלאָשן זיינען אירע אויגן,
איר יוגנט־שיינהייט איז פאַרפלויגן.

זיצט זי דאָרטן פאַרוועלקט די אַלטע,
געווען אַמאָל — די קרוין, די מלכה...

איצט קוקן אַלע אויף איר מיט עקל, —
ווער דאַרף זי דאָ, דאָס מיאוסע פּעקל?...

שנייעלעך

פאַלן פוכקע ווייסע שנייעלעך,
אַרונטער מער און מער;
אַלע קינדער ליבן אייך,
זיך שפּילן איז זייער באַגער.

גוט איז אייך נאָך קינדערלעך,
יונג זענט איר צום שפּיל;
מקנא וועט איר זיין ווי איך
ווען אַוועק וועלן יאָרן פיל.

איך האָב אויך אַמאָל געשפּילט,
און גליקלעך זיך געפילט;
איצט איז אייער שיינע צייט,
טאָ שפּילט זיך קינדער, שפּילט.

פאַלט ווייסע פוכקע שנייעלעך,
אַראָפּ אַלץ מער און מער;
אַלע קינדער ליבן אייך,
זיך שפּילן איז זייער באַגער.

גיי געזונט

(פאָלקסטימלעך)

גיי געזונט מיין קינד.
דיינע וועגן זיינען
אמתע און שיינע.
דיין באַטראַכטונג איז
ווי די פרילינגס־הימלען —
בלויע, לויטערע און ריינע.

דו האָסט דעם גוטן וועג גענומען
מיט זיכערקייט און גלויבן,
וואָס טאַטע־מאַמע האָבן
פאַר דיר אויסגעקליבן;
דער וועג וועט באַלייכטן
דיינע שיינע אויגן־שויבן.

צו זען די ליכטיקייט
אין יידישן לעבן אַז גוט און וואויל
איז דעם יידישן קינד, וואָס
אין יידישקייט טוט גלויבן.

אַ האַרבסט־בלעטל

עלנט בין איך ווי אַ שטיין,
געבליבן אויפן בוים אַליין:
באַוועגט זיך אַ בלעטל הין און הער
און באַקלאָגט איר מזל שווער.

פאַלן וועל איך, פאַלן סיי־ווי־סיי.
געוועזן כאָטש פאַלן גלייך מיט זיי...
ס׳קען מיך קיינער ניט פאַרשטיין,
ווי שווער מיר איז צו זיין אַליין.

געוועזן ערשט מיט אַזוי פיל פריינט,
געבליבן עלנט בין איך היינט.
אָ, שיק שוין, גאָט, שנעל דעם ווינט,
מיט מיינע פריינט פאַראייניק מיך אַצינד.

איך ווייס, די ענדע וועט זיין מיאוס,
מ׳וועט מיך טרעטן מיט די פיס,
יעדער ווער ס׳וועט גיין פאַרביי, —
איך בין דאָך עלנט סיי־ווי־סיי...

קינדער־פרייד

אויפן בוים אַ פייגעלע, זינגט אַ פרילינג־לידל,
איז דאָס נאָך פיל שענער פון קינסטלערס פידל.
פרעגן קינדער מאַמעניון, שמייכלענדע, מיט פרייד:
האָסטו פאַר די פייגעלעך עפעס עסן צוגעגרייט?
נעמען קינדער ברעקעלעך,
וואַרפן זיי אין טעפעלעך,
שטעלן אויפן פענצטער אויס;
כאַפן פייגעלעך זיי אויס,
און זיי פליען ווייט אַוועק —
לאַכן קינדער — אָן אַן עק!
ווען העלער טאָג פאַרגייט, אָוונט ווערט שוין שפעט,
פאַנגען קליינע קינדערלעך אָן גרייטן זיך צו בעט.

בריוו

פערציק־יאָריקע בריוו
פון מיינע ליבסטע!
אַ טרייסט זייט איר מיר פאַרבליבן —
ס׳האָבן צאַרטע פינגער אייך געשריבן,

בריוו פון שטעטל, בלוט און ווינט, —
מיין אָפּגעמעקטע היים,
וואו איך בין אַ קינד
אין וויגל געווען.

אויף ווייסן פעלד, פּאַפּיר,
ווערטער — זוימען פרייד פאַר מיר;
איר, אַלטע בריוו, שוין פערציק יאָר,
איך היט אייך — מיין קינדהייט־שפּאָר...

כ׳קוק אויף יעדער שורה, —
ווערטער, שוין פאַרגעלטע זוימען;
כ׳זע פנימער שוין לאַנג פאַרשוואונדן,
און אויסגעלאָשענע טרוימען...

און מיינע מחשבות — טרויער,
ס׳האַרץ אין קלעם;
פערציק־יאָריקע בריוו,
ווען אייך לייענען איך נעם...

צום שטורעם

הערט אויס נאָר אַ פראַגע,
וואָס איך וויל אייך פרעגן
וואָס יאָמערט איר עפּעס
אַזוי, ווינט און רעגן ?

פאַרוואָס אייער קלאָגן ?
צו וואָס דאָס געוויין ?
איז אייער מזל, ווי אונדזערס,
אַזוי שוידערלעך קליין ?

צי ווערט איר, ווי מיר אויך
געטריבן, געיאָגט ?
און אויך אַזוי שענדלעך
באַליידיקט, געפּלאָגט ?

צי האָט אייך גאָר אפשר
פון הימל דער האַר
געשיקט דאָ באַוויינען
דעם יידישן צער ?

צען יאָר יונג־ישראל!

מזל־טוב דיר יונגע יידישע פרינצעסין,
מיט דיין אַלט־ניי געקרעפטיקטן לעבן —
צען־יאָריק אייניקל פון אַלטן קלוגן זיידן —

די נביאים פון עכטן שטאַם
האָבן אין דיינע קינדער אַריינגעאָטעמט
און אַריינגעפלאַנצט די אייביקע ירושה
פאַר ווייטערדיקע דורות,
וואָס וועלן, אַזוי ווי דיינע קינדער אַצינד,
טראָגן הייליקייט, שטאָלץ און ליבשאַפט
צו דיר, ירושלים, קרוין פון פרינצעסין מדינת־ישראל.

דיינע קינדער, זיי בענקען צו דיר אַלע מאָל,
נאָר די וועלט — די וועלט איז שטום,
די וועלט איז טויב,
זי זעט פון אָפּפאַל נאָר דעם שטויב...
די ליכטיקע שטערן, וואָס פינקלען און שטראַלן
פון דיר, באַשיידענע, ניט־גרויסע מדינה,
און ס'שטראָמט דיין ליכט אין יעדן מעכטיקן לאַנד...
ס'איז אָבער, ווי אין אַ טויטער קאַלטער וואַנט.
נאָר אונדזער אַלטער יחוס וועט קיינמאָל ניט פאַלן!
אויף דיר, מיין מדינה, די זון וועט אייביק שטראַלן,
ווייל דיינע קינדער האָבן דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן!
זיי בויען, זיי אַקערן און זייען;
זיי בויען און לערנען דיין תורה
ווי לאַנג, אַזוי לאַנג —
ווי די וועלט וועט שטיין.

פאָר געזנט!

יוסף האָניקן

דיין חלום, ווי רויך, איז
ווי מיינער פאַרגאַנגען,
און ווי פון אַנדערע פיל;
האָט דיין טרויער געבוירן
אין האַרצן ביי דיר
אַ נייעם, אַ שיינעם געפיל.

אויף דיין וועג וועסט געפינען
אי טרערן, אי פרייד:
דיין האַרץ וועט עס רייצן און שטילן;
ווען דיין פוס וועט באַרירן
די הייליקע ערד —
ביים טויער פון אונדזערע צילן.

דו וועסט דאָרט דיין איינציקן
ברודער דערזען;
קוקן, און שווייגן גאַנץ שטיל.
עס וועט אין דיין האַרצן
אַ שטורעם אויפברויזן
און טרערן פאַרגיסן וועסט פיל!

דאָס וועט זיין אַ היילונג
צו צוויי ברודער־הערצער
פאַריתומטע פון קדושים פיל;
וועסט טרייסט און אַ טראָפּעלע פרייד
געפינען אין איצטיקער שעה —
אין גרייכן דיין ציל.

ווייל, וואָס האָסט געחלומט
איז פאַרגאַנגען ווי רויך —
נאָך טרויערט דיין האַרץ אין דער שטיל;
פאָר געזונט צו דיין ברודער
אין הייליקן לאַנד! —
דיר ווינטשן די פריינט דיינע פיל!...

אַזוי וועט שוין זיין...

'אָרן גייען, נאָר ציילן זיי, צו וואָס?
עס האָט שוין פיל מאָל געגרינט,
און אין פעלד געוויאַנעט האָט דאָס גראָז...

די טייכן — אויסגעטריקנט, און ווידער אָנגעפילט,
די וועלדער — געביטן, פון גרין צו געלד, —
און געביטן האָט זיך אויך די הויז אין וואַלד...

אַזוי איז געוועזן, און אַזוי וועט שוין זיין.
אַלץ וואָס קומט, גייט און פאַרגייט.
דורך נאַכט, און דורך ליכט, און דורך שיין...

פליט דאָס לעבן...

פליט דאָס לעבן, פליט געשווינד,
און אויך דאָס לעבן פון מיין קינד.

בין ערשט געוועזן יונג און פלינק,
געהאַלטן אויף דער האַנט מיין קינד.

געטוליעט ערשט מיין קינד צום שויס!
געקוקט אין ווייט צו זען אים גרויס.

פליט דאָס לעבן, פליט געשווינד,
און אויך דאָס לעבן פון מיין קינד.

קינדער קליינע וואַקסן אויס,
ווי טאַטע־מאַמע, ווערן גרויס.

און די צייט זי האַלט אין גיין,
אויף קיין אָרט זי וויל ניט שטיין.

פליט דאָס לעבן, פליט געשווינד,
און אויך דאָס לעבן פון מיין קינד.

בליט מיין קינד איצט ווי אַ בלום,
שמייכלט, און נעמט מיך אַרום: —

זע נאָר, מאַמעניו, זאָגט ער מיר, —
איך בין שוין גרעסער איצט פון דיר!

פליט דאָס לעבן, פליט געשווינד,
און אויך דאָס לעבן פון מיין קינד.

אַ שטאָלצער בוים

בר־מצווה ווערסטו איצט, מיין קינד,
זאָג, צי קענסטו דאָס פאַרשטיין,
וואָס פאַר טאַטע־מאַמע מיינט
שוין אַ גרויסן דיך צו זען ?

ביסט ביז איצט אַ קינד געווען
אין טאַטע־מאַמעס הויז.
איצט ווערסטו בר־מצווה שוין,
און דו דערפילסט זיך גרויס.

טאַטע־מאַמע הויבן אָן
שוין ווערן אַלט און גרוי,
און דו ביסט אַ צווייגעלע
באַצירט מיט טראָפּנס טוי.

פאַרשווינדן וועט גיך די צייט,
פאַרגיין ווי אין טרוים,
פון צווייגעלע וועט אויסוואַקסן
אַ שיינער שטאָלצער בוים.

היט־זשע דיינע בלעטעלעך
פון פאַלן צו דער ערד,
אַז זיי זאָלן פאַר דיין פאָלק
זיין פון גרויסן ווערט.

וואָס דו ווערסט בר־מצווה איצט,
עס מיינט זייער פיל די תפילין,
דעם זין פון דעם באַדייט וועסטו
שפּעטער ערשט דערפילן...

זיי מוטיק מיין קינד, זיי שטאָלץ,
האָב פאַר די שונאים קיין מורא,
געגעבן דער וועלט האָבן יידן
דאָס בעסטע פאַרמעגן — די תורה.

אַ שטיין אין וואַלד

אַ שטיין אין וואַלד
שרייט שטיל אין זיך גוואַלד!
פון אָנהייב אָן איך ליג אָט־דאָ,
בין אייביק קאַלט, גוואַלד! גוואַלד!

וויפל איז דער שיעור,
צו ליגן דאָ אין גליוועד?
אַן אָפּגעשיילטן ביין,
ווי איז מיר און ווינד!

איך, אַ שטיין, ליג דאָ אַליין,
און וואַרט ביז קומען וועט די שעה,
און ס׳וועט אַ מענטש דערזען אָט־דאָ,
און וועט קוקן אויף מיין האַרטן רוקן־ביין.

און זיך פאַרטראַכטן וועגן מיר,
און זען וואונדער צווישן ביימער אין וואַלד —
בלויז איין מעכטיקער שטיין.

יאָ, געלט מוזן מיר האָבן...

יאָ, געלט מוזן מיר האָבן.
זאָלן די מערדער אונדז צאָלן
פאַרן גרויסן בראָך און צער,
אויף אונדזערע פאַרלאָרענע —
די אויף אייביק אָנגעוואָרענע.

פון אונדזער פאָלק די זעקס מיליאָן, —
יונג און אַלט, אָרעם, רייך —
אין מאַסן־קברים אַלע גלייך;
עס וועט נישטיק קליין זיין די גאָב,
פאַר יעדן יידנס לייב און בלוט, —
וואָס פאַרגאָסן האָבן זיי,
אויך פון מיין ברודער און שוועסטער דריי,
און משפחה, וויי, ווי גרויס! —
פון זיי געבליבן איז איינער בלויז.

אין ישראל ער איז אַצינד,
מיט אַלע יידן, פראַנק און פריי —
העלפט בויען זיין אייגן לאַנד;
פעלט אַ האַמער אים צום האַנט,
פעלט אים עסן צו דער זעט,
און צום שלאָפן — אויך אַ בעט...
פאַר דעם מוז מען האָבן געלט!

אויך צו פלאַנצן און צו בויען,
קומען מיר מיט שטאָלץ צו זיי,
ניט ווי בעטלער ביי דער טיר,
ווי שטאָלצע יידן מאָנען מיר!

און אַלע מוזן, איצט ווי איינער,
מאָנען, רייסן פון זיי, ווי ציינער
ייד און מענטש טאָר ניט פאַרגעסן
די זעקס מיליאָן אין קברים ביינער
און פון מערדער רייסן, רייסן, ציינער.

פרילינג קומט און גייט צוריק

בלויער הימל קוקט אַראָפּ
און זעט פרילינגס שיינעם גאָב,
ווי אַלץ גרינט און בליט;
אַלע ביימער שטייען אין צוויט.

און אַלץ אַרום איז מיט מוזיק פול
ס׳גלעט אַ ווינטל צאַרט און קיל.
טאַנצן טראָפּנס טוי אויף צווייגן,
בלייבן בלעטער גלאַט ווי זיידן.

די פייגעלעך צוויטשערן און טאַנצן
אויף די שיינע גרינע פלאַנצן.
זיי שוועבן איצטער פראַנק און פריי,
ווי דער ווינט, וואָס שוועבט פאַרביי.

פרילינג ברענגט קינדער פרייד און גליק,
פאַרשווינדט גיך און קומט אָבער צוריק...

חנה סענעש —
דער אויסגעלאָשענער שטערן

ס'האָט אין הימל זיך באַוויזן אין ווייס-און-בלוי
אַ שטראַל.
צו דער ערד אַ שטערן געגעבן האָט אַ פאַל.
האָבן הערצער זיך געקאָרטשעט,
און די מאַמע-ערד האָט נאָך געוואָרטשעט:

— ניט דאָס האָב איך געמיינט,
דו וואָלסט געווען מיך באַשיינט —
מיט דיין יונגן גייסט און קרעפטיק טראָט
געגאַנגען ביסטו אויף גאָטס באַראָט.
— דיין אייביק פאָלק, אין ווייס און בלוי,
ס'געדענקען דיך צו יעדער שעה, —
אַז אויף דעם זוניק-ליכטיקן וועג,
ביסטו פאַראייביקט אויף אַלע טעג...

אַלט־שטאָט ירושלים

אַלט־שטאָט ירושלים, יידישע קרוין פון אַמאָל,
אין פרעמד ביסטו פאַרבליבן פון טעג וואָס געווען;
מיין האַרץ אין גרויל זי ווייטיקט, —
פון פיין וואָס איך קען דיך ניט זען.

איך בין אַצינד ביי דיינע ברעגן,
און וויל, ווי אַ קינד, צו „מאַמע גיין״;
שפּין איך מיינע אויגן איבער,
פון הר־ציון צו דיין שיין.

ס׳ביטערט מיר מיין האַרץ און טריבט,
מיין וואונטש איז צעשטערט און פאַרוויסט;
מיין קאָפּ איך בויג נאָך אַלץ אַריבער,
מיין מי איז צום ווינט, און אומזיסט.

מיין האַרץ קען ניט שמייכלען, ניט זינגען,
ביז ס׳וועט קומען פון אויסלייז די שעה —
ביז מען וועט דיך פון פרעמדס באַפרייען,
מיט אויסשריי: קינד, איך בין דאָ!

דאַן וועט די פרייד זיין די העכסטע,
דאָס וואָרט פונעם נביא — דערהערט;
די וועלט וועט דערקענען דעם אמת,
אַ סוף וועט דאַן נעמען צום שווערד...

אין וואַלד

אין וואַלד אויפֿן טײַכעלע,
וויגט זיך אַ שיפֿעלע,
שיפֿט זיך אַ מײדעלע,
אײנע אַלײן.

פֿאַרביטערט איר הערצעלע,
מיט טרויער און שמערצעלע,
ווײַל זי קען איר ליבסטן
ניט זען.

נאָר אײדער אין גריבעלע
איז בעסער אין שטיבעלע —
אין וואַלד בײַ דעם טײַכעלע
וואו נאַטור איז געשפּרײט.

אין וואַלד בײַ דעם טײַכעלע, —
וואו די זון שײַנט אַ מאכהלע,
מיט געזאַנג פֿון די פֿײגעלעך
באַגלײט.

פאָטער־טאָג

טאַטע, ווען דו וואָלסט איצט געלעבט,
וואָלט איך דעם טיש פאַר דיר געשפּרייט,
מיט אַ טישטעך ווייס ווי שניי,
און אַ מתּנה דיר צוגעגרייט,
אויך מאכלים אַלערליי.

און אַ געלעגער דיר אויסגעבעט,
מיט ווייסע קישנס, ווייך און ריין;
מיט מיינע פינגער אויסגעגלעט,
אַז דיין שלאָף זאָל זיין באַקוועם.

אינדערפרי וואָלט איך דיר,
אַ גוטן איבערבייס געגעבן;
באַנייטן כּוח דיר צו געבן,
צו דערפרישן דיר דאָס אַלטע לעבן.

בין איך ניט ווערט צו האָבן דיך, —
מיין גוטסקייט דיר צו ווייזן;
איז מיין האַרץ פון ווייטיק, שטאַרק,
פיל שטאַרקער נאָך פון אייזן!...

אַרום סנהדרין גאָרטן

אין ישראל, די ליבע היים,
זעט מען צייכנס, ריין פון שטויב;
אויפן טויער פון סנהדרין
פליגל פון אַ ווייסער טויב.

און אַרום די גאָרטן־שליאַכן
שטיל זיך שפּילן צאַרטע ווינטלעך;
ווי מיט פליגעלעך זיי פאָכן,
קילנדיק די קברים־ווענטלעך...

שטראַלן גאָלדענע, וואָס קומען
טאָג נאָך טאָג פון מילדער זון,
רייפן רויטע סאַמעט־בלומען —
גרויע טעפּעלעך מיט מאָן.

פלאַנצער האָבן ביי די שטעגן
מיט געזאַנג פאַרזייט די זריעה;
אַז מיט הילף פון זון און רעגן
זאָלן פעלד און גאָרטן בליען...

עס האָט אַזוי געדאַרפט געשען

צו גיטל און ישראל ציטרין

עס האָט אַזוי געדאַרפט געשען,
בעט איך דיך; ניט וויין, ניט וויין...

ווען דו וועסט גורל אַזוי באַנעמען,
וועט האַרץ דיינס מער אַזוי ניט קלעמען...

אַ וואָרט וועט ווער פאַר דיר אַנטדעקן
און וויזיע ט׳זיך פאַר דיר אַנטפּלעקן.

דאַן וועט מוח דיינס באַגרייפן —
אַז אין צייט וועלן פרות רייפן...

ווייל אַזוי געמוזט האָט דאָס געשען —
אַזוי מוז לעבן ווייטער גיין...

דער בעל תפילה

אויף דעם שיין געשניצטן אָרון קודש
רויטלט זיך דער נר תמיד;
אַנטקעגן שטייט דער בעל־תפילה
און ער דאַוונט פאַרן עמוד.

און ער בעט מיט גרויס כוונה,
מיט התלהבות ווי אַלע מאָל;
זינגט ער איז חזן — שוין פון יאָרן
וועבט ער צאַרט ס׳געבעט פאַר קהל.

ווי וואַרעמע שטראַלן צום באַלעמער,
פאַלן פון מתפללים די בליקן;
הייליק זעט אויס דער בעל־תפילה —
זיינע צאַרטע ניגונים קוויקן.

זיין גוף, אין ווייסן קיטל, ווי קלאָרער שניי,
קדושה ווייעט אויף זיין פנים;
טרערן פון זיינע אויגן פליסן —
קהל זאָל פון קיין צער ניט וויסן...

אין שעה פון שקיעה

שטיל איז דער וואַלד,
די פייגעלעך — אין דרימל;
נאָר דאָס טייכעלע מורמלט,
און הערט קיינמאָל ניט אויף...

אויף אַ שטיינדל אַ מאַמע־זשוק באַשאַפט,
דורך ווייען, זשוקעלעך אָן אַ שיעור —
נאָר צו זעטן זיי ביי מוטערס שויס
פעלט זיי חיונה, אַ ברעקעלע די גרויס.

פליטערט לבנה און שטערן מיט זילבער־ליכט
אויפן טייכל און שטיינדל אין וואַלד;
און וואו ניט וואו אַ בלעטעלע, אַ שוואַכס,
מיט אימפעט צו דער ערד פאַלט...

אין די בערג

אַ וואַסערל לויפט
איבער שטײנדעלעך אַראָפּ;
און ס'טראָגט זיך אַ שטיל-
רוישנדער קלאַנג,
ווי פון דינינקע שטימעלעך
אַ געזאַנג.

און ס'צעזינגט זיך
אַ פייגעלע אויך מיט אַ קול —
ווערט פון פייגעלע-
וואַסערל קלאַנג
מיט אַמאָל —
איין באַרג-געזאַנג.

ס'וואַסערל לויפט,
דאָס פייגעלע טרעלט,
אַזוי זיס, אַזוי לינד.
דער באַרג הערט,
זעט און קוועלט,
ווי אַ מאַמע
פון איר קינד.

און דורך די צווייגן
קוקט אַריין די זון,
און הערט זיך צו
צום פריילעכן שיר
וואָס פייגעלע
און טייכעלע
זינגען פאַר איר!...

פון טרויער צו שמחה

מיין פאָלק! האָסט טיפע וואונדן געטראָגן,
איצט פריי זיך, און זיי ניט פאַרטרויערט;
אַלץ וואָס דער שונא האָט צעשמעטערט
ווערט ווידער, ווידער אויפגעבויט.

דו טאָרסט איצט, מיין פאָלק מער ניט וויינען,
ס'איז דאָ פרייד, און פרייד גאָר אַ סך;
זינגענדיק לייגט איר די ציגל, די וואַפנע,
ביז פענצטער, אַלץ העכער צום דאַך.

בין אין לענדער אין גרעסערע געוועזן,
פאַרפלעקט איז די ערד דאָרט מיט יידישע בלוט;
זאָל מער נאָך אייך ליב זיין די פרייהייט
און טייער יעדע גאַס, יעדעס טריט.

און כאָטש מיט שונאים אַרומגערינגלט,
דאָך פילט איר זיך מוטיק און שטאַרק;
אויב קרבנות איז ווי אַ פאָלק, אין קאַמף,
ניט ווי „קדושים" אויף שפּאָט אין מאַרק.

פרישע בלומען פונעם גאָרטן

איך רייס אָפּ בלומען פון גאָרטן,
איך שטעל אין וואַזע זיי אַריין;
וואָלט איך פון זיי געהאַט הנאה,
נאָר מיין געוויסן פּלאָגט מיך, פּיינט...

אפשר שנייד איך אָפּ דעם פאָדעם
פון בלומענלאַנד פון דורות.
אפשר האָב איך ווי אַ רויבער
אָפּגעריסן זיי פון שורש?

איך זוך אַ טרייסט אין אַ דערמאָנונג,
פון אַ דיכטער, מיר דאַכט, פון היינען, —
אַז בלומען האָבן גאָר אַ שליחות,
דיכטערס היימען צו באַשיינען...

לויף איך און באַגיס די בלומען
מיט באַפליגלטער נשמה;
דער דיכטער איז צו מיר אין צייט געקומען,
מיין צער פאַרוואַנדלט אין נחמה...

נאָר דו קאָנסט מיר העלפן צום נייעם יאָר

ווייל דו ביסט אַן אל־רחום־וחנון
געוועז צו מיר אין טאָג פון געבוירן ;
און אין אַלע מיינע שווערע טעג
און פלאָגעדיקע יאָרן —

האָסטו מיין לעבן מיר באַוואַכט
אויף יעדן שריט און טריט ;
ביסט אַלע מאָל געוועזן מיר טריי,
מיך אין יתומהשאַפט געהיט !

האָסט אָפּגעווישט מיינע טרערן
מיט לאַשטשענדיקן ווינט ;
איך האָב געפילט דיין רחמים אויף מיר
אין מיין געוויין־נאָך אַלס קינד —

ווען אין רוימען, איבער וואָלקנס,
דו ביסט לעבן מיר געוועזן ;
איך האָב אין מיין פחד געפילט
אמתן גלויבן אין דיר נאָר אַליין...

איצט, באַשיצער, בעט איך ביי דיר
צום נייעם יאָר : גיב מיר פרייד ;
אַז מיין גאָרטן זאָל מיר בליען,
דערהער, אָט איצט, מיין שטיל געבעט.

אַ מלחמה־חתונה

אַ מאַמע איר זון מאַכט חתונה היינט,
נאָך יאָרן פיל ביטערע שווערע;
פרייט זיך אַזוי, און שרעקט זיך איר האַרץ
און ס'שטיקן אין האַלדז איר די טרערן.

ווייל פינצטערע וואָלקנס פאַרשטעלן די זון
און לאָזן ניט צו אירע שטראַלן;
טויט און פאַרוויסטונג באַהערשן די וועלט,
מיט פייער און באָמבעס וואָס פאַלן.

נאָר ס'וועט איצט די מאַמע פאַרגעסן אין אַלץ,
זי וויל ניט די שמחה פאַרשטערן;
זי וויל, אַז קיין פנים, באַלויכטן מיט פרייד,
ניט ווערן באַפלעקט זאָל מיט טרערן.

מיין פרייד, זאָגט זי, איז דאָך ניט מער ווי די שעה
ווען ס'קינד מיינס צו חופה איך פיר —
טאָ זאָל זיין מיט מזל! זיי גליקלעך, מיין זון,
דיין מאַמע בעט גאָט איצט פאַר דיר!...

אין באַגעגעניש־רויש

צום אָנדענק פון מיין חברטע גאָלדע

געדענקסטו, גאָלדע, חברטע מיינס,
יענע גאָלדענע טעג פון אַמאָל, —
אונטער צעבלויטן הימל אין פעלד,
ווי צווישן די פולע גאָלדענע זאַנגען,
האָבן מיר זיך איינגעהערט:
צו אונדזערע יונגע געפילן, פאַרלאַנגען...

מיר האָבן דעמאָלט חלומות געשפינט,
טרוימען פון יוגנטלעכן גליק,
ביז ווינטן האָבן זיי צעבלאָזן,
אין ווייטע ווייטן זיי פאַרטראָגן —
דורך שטויב־וועגן און פלאָגן...

נאָר אָט האָט מאַמע־צייט,
ווידער אונדז צוזאַמענגעבראַכט.
און אַ רגע האָט דאָס האַרץ זיך געפרייט
פון באַגעגעניש רויש
און שוין, ווייַנען הערצער אין דער שטיל —
אַ טרער אויף געבאָט פון צעשייד...

אַ בילד אַזאַ

איך בין אַוועק פון רעש און ברומען
צו געניסן דופט פון גראָז, פון בלומען;
דאָרט וואו שיינער טעפּיך, ווייט און ברייט,
בלענדט קעגן הימל, אין גרין געשפּרייט.

און אַרום עס שטייעןביימער פיל,
גרין געקליידט, און שוויגן שטיל...
קיין ווינטל קומט פון וואו ניט אָן,
נאָר מענטשן קומען, קומען אָן.

אויפן טעפּיך אין גרינעם שויס,
רוען מענטשן קליין און גרויס;
אַלע רוען אין גליק־געפיל, —
באַוואונדערן אַ קינדער־שפּיל:

ווי קינדער לויפן, טאַנצן, זינגען,
און ווי פייגעלעך זיי שפּרינגען,
זיי יאָגן, טראָגן זיך און פאַלן —
און אויף זיי — די זונען שטראַלן...

שמייכלט הימל לויטער בלוי,
קוקט מיט פרייד פון אויבן צו —
ווי קינדער שפּילן — פריי פון זאָרג,
און ווי די אַלטע לעבן שוין אויף באָרג.

אויפֿן לאַנד

אַ שטיבעלע, אַ טייכעלע,
קאַטשקעלעך דאָרטן פיר,
אַ הינטעלע, אַ קעצעלע
ליגן זיך ביי דער טיר.

אַ גערטנדל מיט בלומען,
ביימעלעך אַרום,
און קינדערלעך זיך שפּילן, —
לויפנדיק אַרום.

די וועגן לאַנגע — ברייטע,
הייזעלעך אַ סך,
ביימער אין צוויי רייען
שטייען אויף דער וואַך.

קוקסט אויף דעם וואונדער,
און טראַכסט זיך: הלוואי,
וואָלט מענטש, געווען צו מענטש
ווי נאַטור — אַזוי געטריי.

פאַרמאַך איך מיינע מידע אויגן

פאַרמאַך איך מיינע מידע אויגן,
פאַרשווינד איך פון דער בייזער וועלט,
פאַרפלי איך אין די טיפע הימלען,
איך בין אין אַ פליגלדיק־געצעלט.

איז מיר דאָרט אַזוי גוט,
איך ווייס ניט פון קיין ליידן,
וואָלט איך אפשר וועלן דאָרט,
אייביק צו פאַרבלייבן.

זע איך דאָרטן בילדער פיל,
מיט פאַרבן רייכע אויסגעמאָלן,
פאַרגעס איך אַלע מיינע זאָרגן,
איך שוועב אַרום אויף בערג און טאָלן.

ווערט מיר פריילעך אויפן האַרצן,
הער איך מוזיק קלאַנגען,
נעמט אַ פרייד מיך באַלד אַרום, —
ווי אין פעלד די זאַנגען.

מיין עליה אין ישראל

ס'איז ליב מיר געווען צו זיין דאָ אין לאַנד,
און זען ווי די בערג זיי ראַנדן צום רוים!
געבענטשט איז געווען מיין יעטווידע שעה,
יהודה, מיין לאַנד, איז מער ניט קיין טרוים.

די נביאים, מיר דאַכט, אַז זיי קוקן אַראָפּ,
פון לויטערן הימל אַזוי קלאָר און בלוי.
און פרייען זיך, פרייען וואָס אין ישראל,
איז יידיש לעבן ווייטער דאָ!

אַ לעבן פון כוח און גייסטיקע רייד,
מיט וויסן און לערע גאָר אָן אַ צאָל;
און די גאַסן, די יידישע, זויבערן העל,
נאָך הערלעכער, שענער, ווי אין אַלטן אַמאָל.

די ווייסע באַלקאָנען און ברייטע בולוואַרן, —
זיי ווערן שוין מער נישט באַלויכטן מיט נאַפט;
איצט בליצן אין גאַס שוין די לאָמפּן,
מיט עלעקטרישער קראַפט.

און אויף די פאַבריקן שטייגן די קוימענס,
אַנטקעגן דעם הימל מיט שטאָלץ און הויך.
און סע דאַכט מיר ווי עס טראָגט זיך צום רוים אַזש
אַ יידישלעך בלויאינקער און וויסינקער רויך...

א. לוצקי — אין לעבן און טויט

אַ שאַרפער קלוגער בליק,
פון פילנדיקן ווינקל־אויג;
זיין ליבלעך וואָרט אין צאַרטסטן קלאַנג,
אַ פּאָעטישע סטרונע אין דינסטן בויג.

פרייד און טרויער אויף זיין פּנים —
וויברירט האָט אין זיין שמייכל;
אַ מילד באַגליקטער חנדל־וואונק
האָט געטיפט מיט שאַרפן שכל.

ניט געזוכט בלויז רוים פאַר זיך,
אויך מיט אַנדערע זיך געטיילט;
דעם אַ טרייסט און דעם אַ בליק,
און יענעמס וואונדן אָפט געהיילט.

איז דאָס זיין שכר?
איז טויט זיין לוין דערפאַר?
זיין וואָרט וועט זיכער פאַראייביקט ווערן —
נאָר אים אַליין וועט שוין קיינער קיינמאָל הערן!

אַ בוים רעדט

איך שטיי אָט־דאָ אין פעלד און טראַכט:
אָט ווערט טאָג, און אָט ווערט נאַכט.

אין עלנטקייט — איך שטיי אַליין,
עס קומט אַמאָל אַ מענטש צוגיין.

דער ווינט וועט מיך אַמאָל צעשטערן,
וועט פון מיר דאַן שפענדלעך ווערן.

מענטשן וועלן מיך אויפקלויבן,
און מיך וואַרפן אינעם אויוון...

און מיט שוועבל אונטערצינדן —
און אויף אייביק מיך פאַרלינדן...

וועט דעמאָלט אַש פון מיר נאָר בלייבן —
זאָל דער מענטש כאָטש דאָס פאַרשרייבן.

אין לעצטער שעה

צום אָנדענק פון ראַלף סאַלאָוו

אין זיין לעצטן „אוי״ —
האָט גייסט זיינס זיך אויסגעהויכט
מיט לעצטן אָטעם פון זיין מויל...
און ווען פאַרקלעמט די קאַלטע ליפּן, —
איז אים גוט געוואָרן — אין גרויל...

דאָס פּאָליטורטע בעט,
פאַרשניצט אין קאַרבן שיין,
איז ווי אַן עדות מיטגעגאַנגען...
אַז אייביק וועט מעןביידן
מער קיין מאָל ניט זען...

נאָר די אין שטוב פאַרבליבענע,
געדריקט פון שווערן צער,
פאַרנעמען שטיל די שטראָף פון גאָט;
ווייל מעכטיק בלייבט נאָר גאָטס געבאָט —
פון די טעג פון אָדם־אָן...

צו אַ נשמה־פריינד

געווידמעט דעם אָנדענק פון חנה בושעל

דיין אַוועקגאַנג אויף אייביק —
ווי טוט דאָס מיר וויי!
פון דיינע ווערטער, די ליבע,
איצט טראַכט איך אַזוי:
ווי מיין מאַמעס צאַרטע שטים
האָט מיך פון שלאָף געוועקט,
אַזוי האָב איך געפילט,
ווען אויפגעכאַפּט האָב איך
דיינע ווייכע רייד,
און כ׳האָב דיר אין פנים געקוקט,
און די ווערטער דיינע,
ווי פּערל געקליבן...

דו האָסט מיין נשמה
צו די הויכן געהויבן,
און מיט דיינע האַרציקע בליקן
מיר מוט געגעבן —
אין זיך אַליין צו גלויבן...
געטרייסט מיך, אַז זיכער
אַ צייט וועט נאָך קומען,
ווען מיינע אַלטע חלומות
וועלן זיך ווי זאָמען
אין פלאַנצן צעבליען,
און אונטער זוניקע שטראַלן
אין וואַרעמקייט צעגליען...
— — — — — — — — — —

איצט, ווען דער קלאַנג
פון דיין זאַפטיק מויל
איז פאַרגאַנגען און צעגאַנגען,
און דיין אייביק בעט
געוואָרן איז דער אָרון —
וועט נאָכגיין דיר מיין טרער
דורך אַלע מיינע יאָרן...

ווינטל, שטיפער

שטיפט אַ ווינטל, שטיפט מיט מיר,
אויף דער שוועל פון אונדזער טיר.

ווינטל, ווינטל, גיי דיין וועג,
כ'האָב ליב די שיינע, שטילע טעג.

לאָז מיך זיצן דאָ אַליין,
זען די זון ביים אונטערגיין.

פאַריתומט דעם דיכטערס וואָרט

— וואו איז דער דיכטער אַהינגעקומען ?
— גאָט האָט אים צו זיך גענומען.
פון אַלטן, צאַרטן גוף האָט גאָט
דעם אָטעם אויסגעבלאָזן.
און אויף אייביק האָט דער דיכטער
זיין „מאי קא משמע לן" פאַרלאָזן.
איז פאַריתומט געוואָרן דעם דיכטערס וואָרט —
עס פלאַטערט אַרום, און געפינט ניט קיין אָרט.
טרויערט דאָס וואָרט איצט,
אין בענקשאַפט, אין צער ;
פאַרלאָרן דעם מייסטער,
פאַרלוירן דעם האַר...
דער דיכטער האָט זיין וואָרט
געצערטלט, געמייסטערט, מיט חן ;
מיט איידעלע פינגער —
געשליפן אַלץ אַליין...

ניטאָ שוין דער מייסטער,
זיין וואָרט געבליבן איז אַליין ;
ער וועט שוין מער ניט שאַפן,
זיין וואָרט — מער ניט זען...

אין באַגינען

טראָפּנס טוי אין באַגינען, אויף מיינע שויבן
טריפן זיי, ווי אויף גרינע בלעטער רייפע טרויבן.

וויגן, שפינען זיך אין וועב, פייכט פון טוי די צווייגן,
אין באַגינען בלוי שאַרייעט, געטלעכקייט אין שווייגן.

קייקלען טראָפּנס איינס נאָך איינס. רירן קוים זיך אָן,
הערט מען ערגעץ ווייט — דאָס קרייען פון אַ האָן.

ווערט דער הימל ליכטיק-בלויער, נאַכט-שפורן טרעטן אָפּ,
לויכט דער לעצטער מאָרגנשטערן אויף דער ערד אַראָפּ.

דורך די פייכטע שויבן שמייכלט מאָרגן-שיין,
באַלד וועט זיין באַגינען, באַלד וועט זון אַריין.

עפּעס איז געשען

אַ ווינט איז צוגעפאַלן
צום פענצטער מיט אַ פראַל,
און דורך ציטערדיקע שויבן
געיאָמערט מיט געוויין:
הו־הו־הו —
אין הימל אויבן,
עפּעס איז געשען.

און אויפן פענצטער זיינען
די וואַזעס מיט די בלומען
אימפעטיק געשפרונגען;
אין צימער האָט אַ קול
מיט שרעק זיך צעקלונגען:
„עפּעס איז אין הימל געשען,
נאָר וואָס? — קען קיינער ניט זען.‟

געווען — און נישטאָ

פון געווען — ביז נישטאָ
איז ניט מער ווי אַ שעה.
נאָר אויב געווען איז נישטאָ
וואו־זשע איז די שעה?

אויף אייביקן וועג
פון געווען און נישטאָ —
איז שעה אויף אַוועק
אין איר אייביקער רו...

שעה קומט — און פאַרגייט
אין צייטס אייביקייט;
אויך מענטש איז ווי שעה —
ערשט געווען — און שוין נישטאָ...

אַ פונק ליכט

איך האָב דיך געבענטשט, מיין קינד,
ווייל איך אַליין אַ פאַרשאָלטענע בין געווען;
איך האָב פון וועלט פון לערנען נאָר געהערט, —
און אין באַגער האָבן אותיות זיך געוועבט.

אין געדאַנק האָט מיך געצויגן צו ליכטיקייט,
דאַן האָב איך אין גרויען אַש אַ פונק געזוכט;
און עס האָבן מיינע פינגער געקרעמפט
פון די מידע ציטערדיקע הענט.

ביז מיר האָט אַ שטראַל זיך באַוויזן,
און אַ פונק ליכט האָט מיך געפירט
אויף אַ בלאַסן שמאָלן וועג, —
און כ'האָב דערזען און דערפילט אַ טראָפּן פרייד.

און איך האָב דעם פייער־פונק פאַר דיר,
מיין קינד, צעבלאָזן — אין ליכט צעהעלט,
אַז ס'זאָל דיין לעבן ליכטיק זיין
אויף דיינע וועגן פרייע, אין דער וועלט.

ביים יאָרצייט־ליכט

יאָרצייט ליכטל, ליכטיק ברען!
אין דיין פלעמל איך דערקען
מיין טאַטנס פנים און געשטאַלט,
וואָס מיט דיר, פאַרגייט אויך באַלד...

נו, קוק איך אין דיר זיך איין,
איידער ווערסט אין גלאָז ניט זיין,
פול דאָס האַרץ מיט ווייי און קלעם
טרערן־ציטער אויף מיין ברעם...

ווייסטו וואָס דיר זאָגט מיין טרער?
אונדזער לעבן איז נאָך שווער!
בלוטיק איז נאָך אַלץ די וועלט,
פול מיט קברים, שטאָט און פעלד...

צו מיין זון אין דינסט

איך שיק דיר מיין גרוס
מיט דער זון און לבנה,
אַהין, וואו פאַראייניזאַמט
דו געפינסט זיך אַצינד.
און קוקסטו זיך איין גוט
אין דער בלאַסער לבנה —
דעם בליק פון דיין מאַמען
דאָרט טרעפסטו, מיין קינד...

אין דער פרי, ווען די זון דאָ
פון לויטערן הימל
קוקט אין מיין פענצטער אַריין —
טראַכט איך פון דיר אויך
מיין קינד, פון דער ווייטן,
אַז דיין בליק אויף דער זון
מוז אויך זיין...

מענטש — דער וואַנדערער

אויף ווייטע שטויביקע וועגן
האָט זון אירע שטראַלן צעוואָרפן;
האָבן זעמדלעך זיך צעבליאַסקעט,
צעשפּילט זיך אין פינקעלעך שאַרפע.

נאָר ס׳וועלט דער וואַנדערער מיך
פון אייביקן טראָט צו דער ווייט;
מיט גוף, פון פייער־גלי צעבריט,
ער שפּאַנט צו וואונדערלעכער צייט...

זיין רוקן, פון משא שווער, געבויגן,
אין שטרויכל, צווישן שטיין און דאָרן,
שפּאַנט ער זיין וועג, דעם שטויביקן,
זינט טויזנטער וואָגלדיקע יאָרן...

מיין שונא

ווען איך בין געווען יונג נאָך און שיין —
פלעג איך שטענדיק מיט אים נאָר זיך פרייען;
איך האָב תמיד געוואָלט נאָר מיט אים זיין אַליין,
פלעגט מען מיך יאָגן, און מיט געשרייען
מיך טרייבן פון אים, און מיך שטראָפן,
אַז עס איז ניט שיין פאַר אַ מיידל
צו שטיפן נאָר קאָקעטיש,
און פאַר אים אַליין זיך דרייען
מיט יעדער נייער שיינער קליידל.

און איצט, ווען איך בין אין יאָרן היפש פאַרפאָרן,
און אויך די שיינקייט אָנגעוואָרן,
שילט איך דעם טאָג פון מיין געבאָרן
און דעם טאָג וואָס כ'בין אַראָפּ פון וויגל,
און אים דערזען דעם שונא מיינעם —
דעם שפּיגל.

דעם וועג צום טיר...

אויף אַ גאַס, ניט ווייט פון אַ שוועל,
אויף אַ שטעקן אָנגעבויגן,
שטייט דער אַלטער — מיד, פאַרטראַכט —
זיינע מחשבות — ווי געוואויגן...

מיט דער האַנט ער גיט אַ פיר,
פילט, עס פאַלט אויף אים אַ רעגן;
דער זקן זוכט דעם וועג צום טיר,
נאָר קיינער קומט אים ניט אַנטקעגן...

אויף זיין פּנים וויינט דער צער.
פון בלינדע אויגן קייקלען טרערן זיך און רינען;
ער זוכט און קלאַפּט, קלאַפּט און קלאַפּט, —
וויל מיט שטעקן די טיר געפינען...

געשענקט האָט גאָט אים פילע יאָרן,
כאָטש אין אָרעמקייט האָט ער זיך גענערט;
איז איצט צו אַכציק ווי אין טאָג פון זיין געבוירן;
ניט ער זעט און ניט ער הערט...

אָ, גאָט! — הייבט דער זקן אויף זיין קאָפּ צום הימל —
איך בין אַלט שוין, וויפיל איז דער שיעור?...
נעם צוריק שוין מיין פאַרוואונדעטע נשמה, —
איך בין גרייט, בין לאַנג שוין גרייט פאַר דיר...

אין קאָשמאַר

אין דער פינצטער
גייט דער מענטש
און ווי אַ בלינדער
בלייבט ער שטיין;
ניט ווייסנדיק
דעם וועג צום גליק,
ניט ווייסט ער וואו צו גיין.

היינט לעבט מען,
מאָרגן — ניט,
ווי אויף דער וועלט ניט געווען.
שטייט דער מענטש
און טראַכט און טראַכט:
צי וועט ער דעם מאָרגן זען...

איז לעבט דער מענטש
ווי אין קאָשמאַר
און וויל דעם סוד דערגיין.
ער זוכט און זוכט,
און דענקט און טראַכט —
און קען ס'לעבן ניט פאַרשטיין.

דאָך יאָגט ער אַלץ
נאָך אַ ביסל גליק,
כאָטש ער קען דאָס ניט פאַרשטיין,
און ער פאַרגעסט
אין גאָט, אין מענטש —
וויל אַלץ פאַר זיך אַליין...

אַל־געטלעכקייט

וואָס איז פלאַם
און וואָס איז ים ?
וואָס איז וואַלד
און וואָס איז פעלד ?
וואָס די וואונדער
פון דער עלט ?
וואָס איז קלאַנג
און וואָס געזאַנג ?
וואָס איז גוט
און וואָס איז שיין ?
אַלץ וואָס איז —
איז גאָט אַליין...

וואָס איז טאָג
און וואָס איז נאַכט ?
וואָס איז ווילן —
וואָס איז מאַכט ?
וואָס איז שעה ?
וואָס איז „דאָרט“,
און וואָס איז „דאָ“ ?
וואָס איר פילט,
און וואָס איר טראַכט,
ווען איר ווייגט
און ווען איר לאַכט —
וואָס אין אייך,
און וואָס אַרום —
גאָט אַליין
איז אומעטום...

קינדער־שפּיל אין פעלד

אַ זומער פרימאָרגן אין ליכטיקן בלוי,
די ערד און די גראָזן — נאַס נאָך פון טוי.

און קינדערלעך, באָרוועס, הוילע און בלויז,
לויפן און שפּרינגען אין פעלדיקן שויס.

זיי רייסן די בלימלעך פון צווישן די גראָזן,
זיי שפּרינגען און שוועבן אַזוי ווי די האָזן.

און פּלוצעם אַ דינינקער ווינטל באַגלייט,
קושט זיי די בעקלעך, און גלעט זיי מיט פרייד.

און סודותט זיי שטיל אינעם אויער אַריין:
קינדער, טרינקט נאָר דעם דופט ווי טייערן ווייַן.

שיין איז דער מאָרגן, רייסט אָן די בלומען,
און מאָרגן, געדענקט, זאָלט איר ווידער דאָ קומען.

איר טרייסט

לאה מאַטוסאָוון גערוידמעט

אירע אויגן —
ווי בריליאַנטן,
צו ווייטע ווייטן
בליקן זיי;
פון איר שטים,
אין קלאַנגען ווייכע,
זינגט אַרויס
אַ טיפער וויי.

געדאַנקען לויטערע
און שיינע
נאָך באַלייכטן
איר זכרון;
און עס דאַכט זיך,
אַז אין האַרצן
זוכט זי אירע
יונגע יאָרן...

אין דער צאַרטקייט
פון איר פּנים,
אין דער לייכטקייט
פון איר שפּאַן,
זיינען דייטלעך
די סימנים
פון איר שיינקייט
נאָך פאַראַן.

כאַטש שנײַ — איר קאָפּ;
איר גוף — כאַטש מיד —
ליכטיק דאָך איז
איר נשמה;
זינגט זי מוטיק
דאָך איר ליד —
דאָ געפינט זי
איר נחמה...

דאָס בילד אויף דער וואַנט

אויסגעלאָשן איז זײַן לעבן —
זײַן קול איז פאַרשטומט געוואָרן,
זײַן וואָרט אין שריפט ליכטיקט —
אויפגייענדיקע זאַנגען קאָרן.

דאָס בילד אויף דער וואַנט
האָט צוגעזען וואָס ס׳געשען.
דער מענטש איז שוין טויט —
און דאָס בילד איז נאָך אַזוי שיין...

קוקט זײַן בליק פון בילד,
זוכט אויפן דיל צווישן שטויב.
ווירבלט ערגעץ זײַן מי?
שפּינט ווער זײַן לעבנסגייסט אויף אַ שויב?

מיט אַ מאָל, אַ שמייכל דוכט זיך
גליטשט זיך אַראָפּ פון זײַן ליפּ.
זינגט פון בילד אַן אהבת יידיש געזאַנג.
כ׳הויב אויף אַ בעכער ווײַן, דוכט זיך ער טוט אַ זיפּ.

אַ בוים פילאָזאָפירט . . .

איך שטיי אין פעלד און טראַכט אַריין:
וואָס וועט פון מיר דער תכלית זיין?

עס וועלן קומען דאָך די טעג,
ווען מ׳עט מיך קוילען מיט אַ זעג,

און שינדן וועט מען מיר די הויט
און מאַכן וועט מען מיר דעם טויט.

און דאַן אויף שפענער וועט מען מיך
אוי, מיט אַ האַק צעקלאַפּן גיך,

און ברענגען וועט מען מיך אין אַ הויז
וואו, מן־הסתם, די קעלט איז גרויס

און כ׳וועל דאָרט ברענען מיט אַ רעש
ביז בלייבן וועט אַ באַרג מיט אַש.

נאָר איידער דאָס פּאַסירן וועט, —
שרייב פון מיר, אַ ליד, פּאָעט!

מיין מאַמען אַ מתנה

מאַמע, אין היינטיקן „מוטער־טאָג״,
ווען מיט מתנות אָן אַ שיעור,
קינדער דערפרייען זייערע מאַמעס,
שיק איך אויך אַ מתנה צו דיר.

ווען דו ביסט צו אייביקייט אַוועק —
האָסטו מיך, אַ יונג קינד געלאָזט אַליין;
איך ווייס אַפילו ניט דיין קלוגשאַפט,
און ווי דו האָסט אויסגעזען...

נאָר איינס ווייס איך זייער גוט:
אַ מאַמע, אַ געטרייע ביסטו געווען,
דאָס קען איך פילן און פאַרשטיין,
ווייל אַ מאַמע איצט בין איך אַליין.

נעם איך מתנות פון מיינע קינדער,
כ׳דאַנק זיי און קוש זיך מיט זיי;
און דורך פרישע בלומען שיק איך
דיר מיין מתנה, הייסע טרערן צוויי...

זאַנגען אין פעלד

„גאָלדענע זאַנגען,
איצט סודען זיך שטיל:
„מיר זיינען שוין צייטיק,
מיר זיינען שוין פול.

„מיר זיינען געוואָקסן
אַלץ פולער און גרעסער;
איצט לויערט אויף אונדז שוין
דער שאַרף פון אַ מעסער.

„אָט באַלד וועט מען קומען —
מען וועט אונדז אָפּשניידן;
נישט פרעגן ביי אונדז
צי מיר ווילן דאָס ליידן...

„דערנאָך אונטער רעדער
צעמאָלן מירן ווערן;
עס וועט אונדזער וויטאָג
קיינער ניט הערן...

„דאַן שיקן אונדז וועט מען
צו יעדן באַזונדער —
צו האָדעווען מענער
און פרויען און קינדער.

„אין זעט וועט מען דאַנקען
דעם האַר פון דער וועלט,
וואָס האָט אונדז געגעבן
לעבן אין פעלד"...

צו אַ בלעטל

דו, בלעטל, וויאַנעסט —
און איך — אַזוי ווי דו;
עס איז פֿאַר אונדזביידן
קיין אַנדער וועג נישטאָ...

דו ווערסט פֿון ווינט געשליידערט,
און איך — אַזוי ווי דו;
עס איז אין אונדזער לעבן
קיין רואיקייט נישטאָ...

דו ווערסט פֿון פֿיס צעטראָטן,
און איך — אַזוי ווי דו;
ווייל, אין מענטש די חיה
איז אַלץ ביי אונדז נאָך דאָ...

דו — ביסט נישט אויף אייביק,
און איך — אַזוי ווי דו;
עס איז פֿאַר אונדז ביידן
קיין אַנדער וועג נישטאָ...

מיין יוגנט*)

מיין יוגנט פאַרשוואונדן,
ניט זיכער דער מאָרגן.
אַ פאַלנדער שטערן,
איין בליץ — און פאַרבאָרגן.

אַזוי ווי די שטערן
אין הימל די יאָרן,
אַ רגע, אַ פינטל, —
און פינצטער געוואָרן.

און ווען נאָך די יוגנט,
דער חן אויך אויפלעבן,
יאָרן פאַרגאַנגענע, —
קאָן ענטפער ווער געבן?

*) צום דאָזיקן ליד האָט מרדכי ירדני געשריבן מוזיק

ישראל שמש

צ'י געדענקט איר דעם אַלטן שמש, ישראל,
וואָס פלעגט אין שטעטל צום תהילים וועקן אַמאָל ? —

געהערט האָב איך זיין שטימע אַלס קינד,
כ'געדענק נאָך אַפילו דעם קלאַנג אַצינד.

געקלונגען געטלעך האָט זיין שטימע שיין,
ווען ער האָט גערופן צו תהילים גיין.

כ'דערמאָן זיך אין דעם שבת־פאַרטאָג,
ווען יידן אין שול האָבן תהילים געזאָגט.

דערשפירן וועט איר אין דער היינטיקער צייט,
ווי נאָענט מיר פילן — דאָך בלייבן מיר ווייט...

אַוועק די צייט וואָס איז געווען אַמאָל,
ניט מער רופט צו תהילים דער שמש ישראל...

אין יעדער שעה

וואו געוועזן — דאָרט אַליין;
וואו געזען — אויך אַליין...
אַלע מאָל אַליין געוועזן;
אַלע מאָל אַליין געזען.

ס׳איז פיין געוועזן,
און פיין איז דאָ.
אין יעדער שעה
קיין רו נישטאָ.
וואָס וועט זיין
איצט פון פיין?

איז וויי צו מיר,
און וויי אונדז אַלע.
פון פרעגן מיד
שוין לאַנג די שאלה:
ווען שוין וועט אַוועק
דער שטן פונעם וועג?...

און ניט דו זעסט,
און ניט דו ווייסט;
כאָטש דו מיינסט
אַז דו פאַרשטייסט.
נאָר עס פאַלט
אַ מרה שחורה,
ווען מען זעט
אַ וועלט אין מורא...

זומער־שטורעם

ווער האָט עס אין הימל
געגעבן אַ שניט,
אַז אַלץ איז געוואָרן
איצט רויט ווי בלוט?

און באַלד אַזאַ קלאַפּ,
אַזוי מוראדיק שטאַרק,
אַז ס׳האָבן געציטערט
דיביימער אין פּאַרק!

אַ שניט און אַ קלאַפּ
אַזוי מוראדיק גרויס,
אַז ס׳רופט יעדער קראַך
אַ טויט־שרעק אַרויס.

איך האַלט מיינע קינדער
גאַנץ נאָענט צו מיר,
ביז ס׳שמייכלט די זון
שוין ווידער אַפיר...

אַ ווינטל

אַ ווינטעלע גלעט מיר מײַן פּנים
און רוימט מיר אין אויער אַרײַן:
„צי ווייסטו, אַז איך, ווי דו מענטש,
קאָן אויך ליב און צערטלעך זײַן?

„איך קאָן אויך, ווי איר מענטשן, מאַכן
אויגן, מיליאָנען, מיט טרערן;
כ׳קאָן אויך, ווי איר, יאָגן, ברעכן,
און וואָס אויף דער וועלט, צעשטערן...

„איך בין נאָר אַ קינד פונעם ווינט,
און פּונקט ווי פון מענטשן אַ קינד,
פּיל איך זיך שפּילעוודיק איצט —
און דיך, מענטש, דערקוויק איך אַצינד״.

מיין ערשטע לופט־רייזע

אַ הויב געטאָן זיך צו די רוימען;
אין דער הויך, ווי אַ ווינט.
בין איך שוואַך געוואָרן, הילפלאָז,
ווי אין וויגעלע אַ קינד.

באַפאַלט אַ שוידער מיך, אַ מורא,
און עס קאָרטשעט זיך מיין שרעק,
צי וועל איך כאָטש מיטן לעבן
צוריקקומען פון אָט דעם וועג?

דער גרויסער אָדלער וואַקלט זיך;
אַהין, אַהער, אַרויף, אַראָפּ;
עס מאָנט מיך ניט קיין עסן,
עס באַפאַלט מיך ניט קיין שלאָף.

איך זע אַ פליגל נידערט...
עס דאַכט מיר אַראָפּ, אַהין...
וואָלט איך ערגעץ לויפן...
איז ניטאָ וואוהין...

העכער, העכער שוין אָט ביים הימל.
די ערד שוין קוים איך זע;
דער הימל ווערט אַלץ בלויער,
די וואָלקנס — ווייס ווי שניי.

און די זונען־שטראַלן בליאַסקען,
אויף ריזן וואָלקן־בערג,
מיט זונען־פאַרבן מאָלן זיי,
נאַטורס פּרעכטיק, געטלעך ווערק.

אָט צינדן וואָלקנס אָן זיך,
אין העליש פייער זיי גליען,
פאַרשיכורט פון די בילדער
פאַרגעס איך אין שרעק פון פליען...

פרעגט מיך ניט!

מיט גאַליקע ווערטער
וואָס האָבן געטריפט
פון מויל פון אַ פּליט
מיט ווייטאָג און גיפט,
צערעדט האָט ער זיך:
„וואָס פרעגן זיי מיך? —

„ווי אַזוי איך בין
געבליבן דאָרטן לעבן?"
קען איך דען אויף דעם
אַן ענטפער זיי געבן?
האָב איך דען נאָך
לעבן געוואָלט,
ווען איך האָב מיט
לעבנס — באַצאָלט?

נאַט זעט, אויפן בילד:
„אָט דאָס איז מיין פרוי!
און דאָס דאָ — מיין קינד,
מיין מלאכל, קליינס!
איז טראַכט איך אַזוי
און קען ניט פאַרשטיין,
פאַרוואָס נאָך אַצינד
לעב איך נאָר אַליין?...

„איז בעט איך, לאָזט מיך צורו.
מיינע געפילן ניט רעגט,
מיט ווערטער, וואָס דערצו,
ס'האַרץ שניידן ווי מעסער —
אָ, פרעג שוין ניט בעסער,
ניט פרעגט מיך, ניט פרעגט!"...

אַן אורראַגאַן

אונטערן לויטער־בלויען הימל,
איבער שטילן, קילן ים,
פלוצעם האָט צעשפּרייט זיך
אַ דיקער, טונקעלער טומאַן.

אַלץ אַרום איז איינגעהילט
אין מרהשחורהדיקן גרוי;
ניט געבליבן איז קיין סימן
פון קאָלירן, גרין און בלוי...

האַסטיק־יאָגנדיקע כוואַליעס
שלאָגן רוישיק ווייסן שוים;
נאָר פאַרצוימט זיי ווערן אַלע
ביי דעם זאַמדיק הויכן זוים.

ווינט און שטורעמדיקער רעגן
רייסן דעכער, טיר און שויבן;
ביימער אין געדריי זיך וואַקלען,
ס׳רוישט און שטורעמט צום פאַרטויבן...

און מיר אַלע „וואַקאַציענטן"
זיצן שטיל זיך אין די שטיבער,
און מיר וואַרטן אומגעדולדיק
ביז דער שטורעם וועט אַריבער.

ניט לאַנג דויערט דאָס געטומל,
גיך פאַרשווינדן ווינט און רעגן;
אויסגעלייטערט ווערט דער הימל,
ווידער שטראַלט די זון אַקעגן.

ווינטער וועגן

ווען ס׳פּאַלט אַ ווייכער שניי
און טאָג גייט שטיל אַוועק,
פאַרבלייבט פון מענטשנס טראָט
אויף ווייסקייט פלעק נאָך פלעק.

און ווען די זון פאַרגייט —
דער ווינט פאַרוויייט די טריט;
די טונקלקייט זיך שפּרייט —
קיין שפור מער זעט מען ניט.

נאָר לבנה וואַרפט איר ליכט,
זיך צינדן שטערן אָן;
און פינקלען דורך דער נאַכט
ביז עס קרייט דער האָן.

ווען זון גייט ווידער אויף
און, ווי פון נאַכט און ווינט,
נעמט אויך פון שניי אַ סוף —
אין בענקשאַפט בלייבט אַ קינד...

אַ מתנה

געשיקט האָט אַ בחור
אַ מתנה זיין ליבסטער
אַ בלימל פון לאַנד, דעם צעשטערטן,
איז דריקט זי דאָס בלימל
און קושט יעדעס בלעטל,
וואָס געווען איז אין בריוו פון באַשערטן.

עס האָט דאָך דאָס בלימל
געהאַט אַזאַ זכיה —
אַהער אַזש פון דאָרטן צו קומען,
נאָר שווער צו פאַרשטיין
איז גאָר דער וואונדער:
אין חורבן — ווי וואַקסן נאָך בלומען?

אויף ערד, וואָס צעטראָטן
אַזוי איז פון פיס
פון מענטשן, פון פערד און פון טאַנקען,
דאָך וואַקסט נאָך אַ בלימל
פון ערגעץ אַרויס
פאַר ליבסטע, פון בענקשאַפט, וואָס צאַנקען...

צו מיין פריינד

אָ, יאָ, מיין פריינד, איך ווייס
און קלאָר אַזוי ווערט מיר,
וואָס דו אין האַרצן טראַכסט,
ווען כ׳גיב אַ בליק אויף דיר:

עס זיינען פיל יאָרן אַוועק
זינט מיר האָבן ביידע ביינאַנד,
פאַר דעם זעלביקן צוועק,
דעם זעלביקן וועג געפלאַנט.

און מיר האָבן חלומות געוועבט,
באַוואויגן פון גלייכע פאַרלאַנגען;
ביז ס׳איז אונדזער יוגנט פאַרשוועבט,
די אַלטע חלומות — צעגאַנגען.

דאָך האָבן מיר קווייטן פאַרזייט,
וואָס האַלטן אין בליען נאָך היינט,
און וואַרפן אונדז צו זייער שמייכל.
און דאָס איז דער זוניקער שטראַל
וואָס אונדז אין דער פינצטער שיינט
און ווייזט אונדז פון אמת דעם שכל...

איך שפּין מיין ליד

איך שפּין מיר מיין ליד
ווען איך הייב אָן פילן
אין מיין אומעטיק האַרץ
אַ טרויער, אַ שטילן.

ווען בלוי איז דער הימל,
אויף ביימער פייגל זינגען,
ווי שטילע תפילות הער איך
פון ווייט ערגעץ קלינגען.

ווען כ׳מאַך די אויגן צו,
איז אַלץ אַזוי וואונדער־שיין;
איך חלום דאַן און שטרעב
צו געטלעכקייט אַליין.

איך שפּין מיט האַרץ מיין ליד,
און כ׳וויל, אַז זיין זאָל עס שיין;
נאָר וואָס מיך טרייבט דערצו —
דאָס קען איך ניט פאַרשטיין...

אַ מאַמע רעדט

זעכצן יאָר, מיין קינד
ביסטו ערשט געוואָרן;
דאָס איז די שענסטע צייט
אין אַ מיידלס יאָרן.

דו בליסט און שיינסט אַצינד
ווי דער מאָרגן־שטערן;
וויל איך דיר, מיין קינד,
עפּעס וואָס דערקלערן:

די יוגנט צייט פון לעבן,
ווייל זי איז אַזוי שיין,
איז ווען מען דאַרף אָנהייבן
דאָס לעבן צו פאַרשטיין.

די וועלט איז גרויס
מיט שיינקייט אָן אַ שיעור,
נאָר יעדער מענטש זיך טראַכט:
„די וועלט איז בלויז פאַר מיר" —

און ס'איז דערפאַר די מענטשהייט
אין טרערן, בלוט, פאַרזונקען,
און ס'איז די יוגנט אירע
ווי אין אַ תהום פאַרזונקען...

און צייט איז ווי דער ווינט,
קיין אויג קען זי ניט זען,
און מ'ווייסט נאָך ניט אַצינד
וואָס ווייטער וועט געשען —

מוזטו, קינד, דיין יוגנט
צום לערנען אָפּגעבן;
דורך וויסן פיל פאַרמאָגן
וועט שענער זיין דיין לעבן.

וועסט קענען העלפן מענטשן
דערגרייכן הויכע צילן;
מען וועט דערפאַר דיך בענטשן,
און וועסט זיך גליקלעך פילן.

נאַכט און ים

אין פענצטער פון נאַכט
קוקן אויגן־שטערן —
און קאָנען גאָרנישט זען.
נאָר אויערן — זיי הערן
פון אומרואיקן ים
דעם כוואַליעדיקן זשום.

דער ים —ער קאָן ניט רוען
אַפילו אין דער נאַכט,
ווען אַלץ, אין וואונדער, טראַכט;
„צי וועט אַ מאָרגן קומען?
צי וועלן בליען בלומען?"

ענטפערן ימס כוואַליעס
מיט סודותדיקן ברומען:
„ווער — מאָרגן? וואָס — בלומען?
אונדז אַרט ניט ווי לאַנג
דער טאָג וועט זיך נאָך זאַמען —
מיר קומען — מיר קומען"...

ווען זון גייט אויף

אין פייכטקייט פון טויאיק באַגינען
זיך לעשן אין הימל די שטערן;
דער ראַנד פון מזרח ווערט בלייכער
ווען זון הייבט־אָן געבוירן ווערן.

נאָך אַ לאַנגער נאַכט, אַ מידער,
פון מענטשנס אויג פאַרבאָרגן,
באַווייזט די זון זיך ווידער
און זי ליכטיקט דעם פרימאָרגן.

די בלאַסקייט שווינדט אין רוימען,
און ס׳שווימען אויף רויטע קאָלירן,
ווי אויפן פנים פון אַ כלה אַ יונגער,
ווען מען טוט צו חופה זי פירן.

און ס׳נעמען זיך צינדן די שויבן,
ווען זונס שטראַלן אויף זיי טאַנצן;
דער מענטש דערפילט זיך דערהויבן
און די אויגן זיינע גלאַנצן...

ער טראַכט ביי זיך אין שטילן:
„ווי ליב מיך צערטלען זונס שטראַלן!“
נאָר פלוצעם הייבט ער אָן פילן
ווי נייע זאָרגן אים באַפאַלן...

אין אַ שיינעם טאָג

זע, ווי דער הימל
איז לויטער און בלאָ!
קיין שפּרינקעלע כמאַרע
אויף אים איז נישטאָ —

זאָג־זשע פאַרוואָס איז
דיין געמיט אַזוי גרוי?
פאַרוואָס איז דיין פּנים
פאַרוואָלקנט אַזוי?

זע, ווי די זון איז
אַזאַ גוטע אַצינד!
זי וואַרעמט און גלעט
ווי אַ מאַמע איר קינד.

ווען פריילעך אַרום איז,
און ליכטיק, אַ פּראַכט —
פאַרוואָס נאָר דו איינע
ביסט טרויעריק, פאַרטראַכט?
— — — — — — — — — — — —
אומזיסט איז דיין פרעגן,
דו וועסט ניט פאַרשטיין,
אַן ענטפער דיר געבן
קען איך ניט אַליין...

ניט דו און ניט קיינער
געקענט האָט עס זען,
וואָס טיף אינעם האַרצן
ביי מיר איז געשען...

דו זעסט דאָך, גאָט!

דו זעסט דאָך, גאָט
דיין גרויסע מענטשן־וועלט,
וואוהין זי לאָזט זיך גיין —
צי קאָנסטו דאָס דערלאָזן
און פונדערווייטנס שטיין ?

דו זעסט דאָך ניט דאָס פייער,
און די געדיכטע כמאַרעס
פון שטיקנדיקן רויך,
וואָס שטייגן פון די קוימנס
ביז צו די הימלען הויך...

מוזט אויסלעשן די פלאַמען,
וואָס מער און מער זיך אַליץ
צעפלאַקערן אַצינד —
און היטן פון סכנה
אַ יעדער מאַמעס קינד ?

דערלאָז ניט, אַז עס זאָל זיך
אַלץ ווייטער נאָך צעגליען
דער הייסער שנאה־בראַנד :
און שאַף שוין רו און פרידן
פאַר מענטש אין יעדן לאַנד !...

מיין באָבעס גאָרטן

געהאַט האָט די באָבע אַ גאָרטן
מיט פלאַנצן פיל און געראָטן;
מיט פייער אין מויל, אַ וואָראָנע,
אַלץ פאַרברענט האָט זי דאָרטן.

ס׳איז נאָר אַ בלימל געבליבן,
האָבן עס ווינטן פאַרטראָגן;
דאָס בלימל, פון שטורעם געטריבן,
געוואַנדערט האָט הונדערטער יאָרן...

פון וואָגל, דאָס בלימל צוריק
איז געקומען צו זוניקע שטראַלן;
בליט איצט שוין ווידער דאָס בלימל,
וואו פייגעלעך זינגען און שאַלן,
און וואו, אונטער ביימעלעך גרינע
קלייניקע שטערנדלעך פאַלן...

עס פאַשען זיך קיעלעך פיל,
און עופות אויך גאָר אַ סך;
מען בויט שוין אַ שטיבל אַפילו —
עס פעלט נאָך דערצו נאָר אַ דאַך...

שלש עשרה־מידות

(אַ בילד פון מיין שטעטל פּאַריצק, וואָלינער גובערניע)

די נאַכט אין חושך איינגעהילט,
די פענצטער פאַרצויגן מיט אומעט,
דער ווינט שמייסט מיט רעגן
אויף דאַך, טיר און שויבן.
עס קוקן מיט שרעק אויף זיי
קינדערשע אויגן.

ישראל שמש האָט שוין אין טיר געקלאַפּט.
טאַטע־מאַמע צו סליחות געוועקט.
זיי גרייטן זיך אין שול אַריין.
אין קאַלטן פאַרטאָג, מיט ציטער און גלויבן,
האָבן די קינדער געהאַלטן אין וויינען —
זיי ווילן ניט בלייבן אין שטוב אַליין.

טאַטע־מאַמע בעטן קינדערלעך ניט וויינען,
עס וועט באַלד ליכטיק ווערן,
וועט איר זען אין הימל דעם גלאַנץ
פון בלויען מאָרגן־שטערן.
דאָס פייגעלע וועט פאַר אייך זינגען אַ מאָרגן־שיר, —
און אַ גוט־יאָר אויסבעטן וועלן מיר.

עס דאַכט זיך מיר

איך הער אַמאָל —
עס קומט אַ שעה,
עס זאָגט מיר עמעץ,
אַז דו ביסט דאָ.

ווערט מיר אַזוי היימלעך,
עס ווערט מיין, האַרץ דערפריידט,
איך גיב צו גאָט אַדאַנק —
עס איז נאָך אַלץ ניט שפּעט.

כאָטש עס זיינען יאָרן פיל
שוין פון לאַנג אַוועק,
וואָלט איך קענען זיי באַגעגענען
איצט אויף מיין וועג —

וואָלט איך דאַן שוין וויסן
וואָס מיט זיי צו טאָן,
איך וואָלט טייער זיי האַלטן
ניט נאָר די יאָרן, אויך די שעהען.

יוגנט

(צו מרים ליווין)

ווי אַ שיינער פרילינגס-מאָרגן —
אַזוי ביסטו.
ווי זונס שיינער אויפגאַנג —
אַזוי אויך דו.
דיין שטימע אָפּקלאַנג צום מאָרגן
ערגעץ וואו;
יוגנט-קלאַנג מוזיק-געזאַנג —
דאָס ביסטו.

צו אַ פרײַנד

איך ווײס, מײַן פרײַנד,
אַז ס'איז נאַריש פון מיר
צו זײַן אַזוי ערלעך
און געטרײַ צו דיר.

נאָר וואָס קען איך טאָן
און העלפן דערצו —
אַז עס בענקט מײַן נשמה
נאָך טרײסט און נאָך רו?

איך ווײס ניט, ווי אַנדערש
איך זאָל צו דיר זײַן —
עס גאַרט מײַן געוויסן
נאָך ליכט און נאָך שײַן...

אַ כאַראַקטער אַזאַ...

ער מעג זײַן אַפּילו אַ דיכטער,
מאַכט דאָס גאָרניט אויס;
אַז פאַרדאָרבן זײַן כאַראַקטער —
לאַכט ער גוטע מענטשן אויס.

ער קען שלײַפן זײַנע לידער,
און באַפליגלען זײ וואונדערשײַן;
נאָר דאָס רשעות וואָס אין אים —
דאָס קען יעדער אײנער זען.

און די מאַסקע וואָס ער טראָגט
צו פאַרשטעלן זײַן חסרון,
וועט אים סײ־ווי סײ־ניט העלפן,
ווײַל מען קען אים שוין פיל יאָרן.

צום חלוץ

אין ווייטע, בלויע פרימאָרגנס,
האָסט געבויט אַ וואַנט
אין דיין אויסגעחלומט לאַנד,
מיט דיין ווילן און שטאַרקער האַנט
באַוויזן האָסטו גרויסע וואונדער;
איבעראַשט האָסטו די וועלט, —
דו חלוץ, פון ישראלס קינדער:

און ווען דיין חבר אין קאַמף מיטן שונא
אויפן שיף אינמיטן ים
איז אויב נאָר נויטיק שווערד און ביקס
איז דאָס ביי דיר אויך פאַראַן.
קומט דיין חבר צום האַפן פונעם יידיש־לאַנד,
איז ביי דיר אַ גרויסער יום־טוב,
גיסטו אים באַלד דיין ברודער־האַנט.

ווערט געשטאַרקט זיין גוף און גייסט,
ער האָט שוין פריינד, אַהיים, אַ לאַנד;
באַרירט זיין פוס די הייליק ערד,
דערפילסט באַלד מיט פרייד:
פון אַן אייגן לאַנד די ווערט.

לבר־מצוה

בני, נהיית לבר מצוה
היום הנוכל זאת להבין ?
וכיצד הוריך יעריכו
בראותם אותך גדול, חלים ?

עד עתה היית ילד
בצל־קורת אבא־אמא,
וכיום תהיה לבר־מצוה,
גדול תרגיש את עצמך.

הוריך מתחילים לשוב,
הוריך מתחילים לזקן,
ואתה כמו־נצר רך,
בנטפי־טל מטנן.

חיש־מהר העבר העת,
כבחלום החליף ;
מהענף יצמח, ישגה
אילן יפה־הנוף.

על־כן, איפוא, את־עלעליך
נציר מנשרם לאדמה,
ושיהיו בני־ערך רב,
בני־ערך קים לעמך.

על סוד־כונת־התפלין,
תגיח, תעמד לאחר זמן —
חזק ואמץ, וזכר, רכוש —
הסגלה, התורה, עמך נתן.

פון יידיש : מ. ב.

גוט מאָרגן דיר, גאָלדעלע!

גוט מאָרגן דיר, גאָלדעלע,
לאהלע וואָס מאַכט ?
וואָס טוט די קליינע שרהלע,
שלאָפט זי כאָטש ביינאַכט ?

ס׳בענקט מיין האַרץ שטאַרק,
צו אייך אַלעמען צו זען
און ס׳כאַפּט מיך אַזש ביים האַרץ
אַ פריידיק זאָרג-געוויין.

איך פלעג אַמאָל ווי אַ פייגעלע,
אַ פלי-טאָן אייך צו זען,
איצט איז שווער געוואָרן מיר,
אויף די פיס צו גיין.

זאָגט דאָס האַרץ מיר אַצינד-אָן,
אַז עס איז שוין ניט די צייט,
דו ביסט שוין ניט וואָס געווען
ביסט אָפּגעגאַנגען גאַנץ ווייט.

אַזוי גייט דאָס לעבן זיך
מיט דער צייט אַוועק,
און דאָס בעסטע איז צו טאָן :
אויסצומיידן שרעק...

WHY?

Why should men labor and worry
For the coming of tomorrow?
Why should women fade in sorrow?
Why should those that labor not
Live in glory?

Where are those that dig the ground.
That build the towers to the sky?
Why not get together, workers!
Let the rich hear your cry.

Wake up, workers, from your slumber.
Leave misery beyond your straightened shoulders.
Raise your heads with pride.
Lift your hands with might.
Like soldiers, for your justice fight!

SOMETIMES

Sometimes the world may go to sleep
And cruelty will rest by her side
Cannons, Submarines,
Airplanes and Battle Ships
Will be paralyzed and still.
Only clouds and birds
Will be in flight.
High to the sky they'll fly
With their little wings outspred,
No sound they'll make
With fear the world again may wake.
And if a strange power
Should destroy the world's rest,
It will be cruelty again
To rule over men.

ווען וועט משיח קומען?

(דערינערונגען פון אַמאָל)

אין דער אַלטער היים, ווען איך בין נאָך געווען יונג, כמעט אַ קינד, פלעג איך זייער אָפט הערן דעם נאָמען „משיח״.

ווער און וואָס „משיח״, האָב איך דעמאָלט נישט געוואוסט, און ביז אַ געוויסן טאָג, האָט מיר אַפילו ניט אינטערעסירט צו וויסן. מיין קינדער־שער לעבן האָט מיך געהאַלטן געשפּאַנט אין שטענדיקן פאַרנומען זיין מיט מיינע חברטעס אין דעם שפּיל „קאַראַהאָד״.

די צייט איז געגאַנגען איר וועג, איך בין מיטגעריסן געוואָרן און האָב אָנגעפאַנגען צו זוכן נייע אינטערעסן אין מיין לעבן, אויסער שפּילן זיך מיט די קינדער.

איך האָב אָנגעפאַנגען זיך צוהערן וואָס עלטערע מענטשן ריידן צווישן זיך און דערציילן זיך איינער דעם צווייטן. איך האָב זייער געוואָלט פון אַלץ וויסן, ווי עס איז די נאַטור פון קינדער.

ווי געוויינלעך, האָב איך אָנגעפאַנגען פרעגן אַ ביסל האַרבערע פראַ־געס, און ווי דער שטייגער איז געווען מיט פילע יאָרן צוריק, אין דער אַלטער היים, אַז ווען אַ קינד האָט עפּעס געפרעגט אַ פראַגע, האָט מען אויפן קינד אָנגעשריגן, און דאָס קינד פלעגט אַוועקגיין אין אַ ווינקל, פאַרשעמט און דערשלאָגן.

פאַר מיר איז יענע פּעריאָדע געווען פיל ערגער, ווייל איך האָב נאָך מער ווי אַנדערע קינדער אין מיינע יאָרן געוואָלט פון אַלץ וויסן.

אַ סך מאָל פלעג איך זיך גוט אויסוויינען, אָבער דאָס האָט מיך אַלץ ניט אָפּגעהאַלטן פון פרעגן פראַגעס. די מערסטע פראַגעס האָב איך גע־פרעגט ביי מיין קלוגער, אַלטער באָבע, וועלכע איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַריבער 70.

איינמאָל האָב איך געהערט ווי מיין באָבע האָט געזאָגט: „עס וואָלט שוין צייט געווען אַז משיח זאָל קומען״.

איך האָב אויסגעגלאָצט מיינע אויגן, געעפנט מיין מויל גרייט צו פרעגן: וואָס מיינט משיח? אָבער, באַלד האָב איך זיך דערמאָנט וואָס מיך דערוואַרטעט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און געמורמלט צו זיך אַליין: וואָס קען דאָס מיינען — משיח? אָבער איך האָב זיך אַליין, קיין ענטפער

ניט געקענט געבן. איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מוז פרעגן וועגן דעם, אַפילו אַז איך זאָל באַקומען דעם זעלבן ענטפער ווי אַלע מאָל, ווען מיין באָבע האָט אויף מיר אָנגעשריגן און מיר באַליידיקט מיט איר ניט צופרידנשטעלנ־דיקן ענטפער.

אין יענער צייט בין איך שוין געווען אַ יתומה אָן אַ מוטער, און יעדער ניט פריינדלעך וואָרט, האָט מיר באַליידיקט. איך האָב אָבער אומ־זיסט מורא געהאַט, ווייל דאָס מאָל איז מיין באָבע צו מיר געווען זייער גוט, און אויף מיין פראַגע האָט זי מיר געגעבן זייער אַ פריינדלעכן ענט־פער.

— קום אַהער, מיין קינד, האָט זי צו מיר געזאָגט, און איך וועל דיר אַלץ דערציילן.

איך בין איבעראַשט געוואָרן און אין מיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייערל פון פרייד און גליק. עס האָט מיך אָנגענומען אַ געפיל פון שטאָלץ, וואָס מיין באָבע וועט מיר דערציילן. איך האָב מיט אַמאָל דערפילט אַז זי האַלט מיך שוין פאַר אַ גרויסן מענטשן. מיט גרויס דרך־ארץ בין איך געשטאַנען פאַר איר ווי פאַר אַ קעניגין. מיין באָבע האָט מיר געזומען דערציילן וואָס עס מיינט — משיח.

ווען גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, האָט ער אויך באַשאַפן מענטשן, און ער האָט געוואָלט, אַז אַלע מענטשן זאָלן לעבן בשלום. ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם ערשטן און צווייטן מענטשן, האָט ער אָנגעזאָגט ווי אַזוי זיך צו פירן אויף דער וועלט. זיי האָבן אָבער זיין וואָרט פאַרוואָרפן, און די מענטשן אויף דער ערד זיינען פאַרדאָרבן געוואָרן, און אַזוי, מיין קינד, פירט זיך די וועלט זינט זי איז באַשאַפן געוואָרן.

מענטשן זיינען פאַרדאָרבן, מען רויבט און מען מאָרדעט איינער דעם צווייטן, די וועלט איז געוואָרן אַ יאַטקע, און מענטשן־בלוט גיסט זיך אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט, אַזוי ווי די וואַסער שטראָמען צום ים.

מער פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט ליידן מיר, יידן. ווייל גאָט האָט אין אונדז יידן געזען דאָס ליכט פון דער וועלט, ווייל מיר ווילן קיין בלוט נישט פאַרגיסן פון אונדזערע שונאים, און מיר זוכן ניט קיין נקמה. יידן זוכן שלום מיט אַלע מענטשן, אַזוי ווי גאָט האָט געוואָלט, ווען ער האָט באַשאַפן די וועלט.

דערפאַר זיינען מיר, גאָטס קינדער אין אייביקן געפאַר, און אויב די מענטשן אויף דער וועלט, וועלן ניט בעסער ווערן, וועט גאָט צעשטערן

די גאַנצע וועלט דורך גרויסע מלחמות, דונערן און בליצן. דעמאָלט, ווער משיח קומען, און אַלע טויטע וועלן לעבעדיק ווערן, און אונדז, יידן, וועט ער איבערפירן קיין ארץ־ישראל, און מיר וועלן דאָרט לעבן פרייע, און ניט מורא האָבן פאַר פאָגראָמען ווי עס קומען איצט פאָר. דאָס איז געווען די צייט ווען רוסיש־פוילן האָט זיך געבאָדן אין יידיש בלוט, און קיין אַנדער האָפענונג האָט מיין באָבע ניט געהאַט, ווי נאָר, אַז משיח זאָל קומען.

איך האָב אַלץ אויסגעהערט און בין זייער פאַראינטערעסירט געוואָרן אין דער גאַנצער געשיכטע, אָבער מער פון אַלץ איז מיין יונגער, נאַאיווער געדאַנק פאַרכאַפּט געוואָרן פון מיין באָבעס מערקווירדיקן דערציילן אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן אַלע טויטע צוריק לעבעדיק ווערן. דאָס האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און אויך דערפרייט, איך האָב אָבער די פרייד אין זיך פאַרבאָהאַלטן, און מיט ערנסט האָב איך מיין באָבען אַ פרעג געטאָן: — יאָ, באָבע, ווען אַלע טויטע וועלן לעבעדיק ווערן, וועט מיין מאַמע אויך לעבעדיק ווערן?

— געוויס, מיין קינד, וועט זי לעבעדיק ווערן, ווייל דיין מאַמע איז געווען גוט און פרום.

איך האָב אויפגעהויבן מיין קאָפּ, און מיט אַ מוטיקן געפיל האָב איך ווידער געפרעגט — ווען, דענקסטו באָבע, וועט משיח קומען?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ווען אַלע מענטשן וועלן ווערן אָדער גוט, אָדער שלעכט, דעמאָלט וועט ער קומען.

איך האָב, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען אַז עס וועט נעמען זייער לאַנג ביז משיח וועט קומען, און ווען איך האָב טיף, זייער טיף, אַריינגעקוקט אין מיין באָבעס רויטע, אויסגעלאָשענע אויגן, האָב איך געטראַכט: אַ וואונדער צי מיין באָבע וועט נאָך דאַן זיין אויף דער וועלט, ווען משיח וועט קומען.

דער געדאַנק האָט מיך דערשראָקן, ווייל צו יענער צייט האָט מיין באָבע פאַרנומען מיין מוטערס פלאַץ, ווייל מיט מיין שלעכטער שטיף־מאַמע, האָב איך ניט געקאָנט זיין, האָב איך זיך געהאַלטן אונטער די פליגל פון מיין אַלטער באָבע.

די צייט איז זיך געגאַנגען און יעדן טאָג האָט מען דערוואָרט אַנדערע געשעענישן אין רוסיש־פוילן. די מורא פאַר פאָגראָמען איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען פלעגט מורא האָבן צו גיין שלאָפן, און אויף מאָרגן, ווען מען איז

אויפגעשטאַנען פון שלאָף, פלעגט מען אַרויסגיין אין גאַס און זיך נאָכפרעגן ביי די וועלכע האָבן געלעזן גאַזעטן צי איז ניט ווידער פאָרגעקומען קיינע פאָגראָמען אויף יידן?

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ געווען אַ מורא פון וויטנס, ביז איין מאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, בין איך אויפגעשטאַנען פון אַן אומרואיקער נאַכט וואָס האָט מיך געשראָקן פון אַלע פיר ווינקלען פון אונדזער שטוב, נאָר ווען איך האָב שוין דערזען דעם בלויען מאָרגן, בין איך אַרויס אין גאַס, ווי עס איז געווען מיין געוואוינהייט...

אַרויסקומענדיק אין גאַס, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ זייער אומעטיקער שטימונג, באַלד האָב איך אויסגעפונען, אַז די אַרומיקע גויים גרייטן זיך צו מאַכן אַ פאָגראָם אין שטעטל. מיין יונג, וואַרעם בלוט איז ווי פאַרגלי־ווערט געוואָרן און מיינע ציין האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן און קלאַפּן ווי עמעצער וואָלט זיי באַוועגט דערצו. איך בין באַלד אַוועק צו מיין באָבען, און זי האָט מיך באַרואיקט הערציילנדיק, אַז עטלעכע באַלעבאַטים זיינען אַוועק צום נאַטשאַלניק און ער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט ניט דער־לאָזן צו קיין פאָגראָם.

אָבער מיין יונגע נשמה איז אינגאַנצן צעטרייסלט געוואָרן, יעדער הוי־כע שטימע האָט מיך דערשראָקן; איך האָב געקוקט אויף די עלטערע מענטשן אין שטעטל, און זיי האָבן צו מיר אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז דער באָדן אונטער זיי, וואָלט זיך געבראָכן, אַזוי זיינען זיי ניט געווען זיכער מיט זייער לעבן...

אַט זיינען אַוועק עטלעכע טעג און מען האָט זיך שוין באַרואיקט, אָבער דאָס האָט אויך ניט לאַנג געדויערט, און עס האָט אויסגעבראָכן די רוסיש־יאַפּאַנעזישע מלחמה, און דאַן איז אונדזער שטעטל וואָס האָט זיך אַלעמאָל געפונען אונטער דער רו פון דער שיינער נאַטור, אַרומגערינגלט מיט ביימער און טייכן, וואָס האָבן אַזוי האַרמאָנירט מיט די קליינע שטיבלעך און מיט די רואיקע מענטשן פון אונדזער שטעטל אויפגעטרייסלט געוואָרן.

מיט אַמאָל, האָט זיך אַ מרה־שחורה אַראָפּגעלאָזן אויף אונדזער פריד־לעכן שטעטל, מען האָט שוין מער ניט געזען די שיינקייט פון דער נאַטור, נאָר ווי אַלץ וואָלט אין אַ בית־עולם פאַרוואַנדלט געוואָרן.

מאַמעס האָבן געבראָכן זייערע הענט, פרויען האָבן געיאָמערט און געטרויערט, קליינע קינדער האָבן אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן פון

זייערע עלטערן ווי זיי וואָלטן ביי זיי געוואָלט פרעגן: וואָס טוט זיך דאָ? פאַרוואָס זיינט איר אַזוי טרויעריק?...

פאַר מיר האָט דאָס אַלץ געהאַט אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג, ווייל פאַר מיר איז געקומען נעענטער דער טאָג און די שעה, פון וועלכן מיין באָבע האָט מיר דערציילט, און דערפאַר בין איך טאַקע געווען מוטיק און שטאַרק צו קענען פאַרטראָגן דעם שווערן טרויער וואָס די שרעקלעכע צייט האָט דעמאָלט געבראַכט מיט זיך; איך בין געווען רואיק, שטיל, און גע־וואַרט צו זען אויב משיח וועט טאַקע קומען.

מיין קינדערשע פאַנטאַזיע איז אָבער פאַרוואָלקנט געוואָרן דעמאָלט, ווען איך האָב דערזען ווי די מענטשן פון שטעטל, יונג און אַלט, האָבן זיך געטראָגן אין אַ מין פינצטערן טומאַן פון געשרייען און געווייןן, אַלע זיינען געלאָפן אין שול־גאַס וואוהין עס זיינען זיך אויך צוזאַמענגעקו־מען די עטלעכע זאַפּאַסנע יידן וואָס מ'האָט גענומען אין מלחמה. די עטלעכע מענער זיינען געווען שרעקליך צוזאַמענגעבראָכן קוקנדיק אויף זייערע אומגליקלעכע פרויען און קינדער, אויף זייערע אַלטע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן זיך אַלע צוזאַמענגענומען און געלאָפן צום אַלטן רב וועלכער האָט געוואוינט לעבן דעם בית־המדרש, לעבן דער הויכער שול, און אַזוי האָבן זיי אַלע צוזאַמען פאַרגאָסן טייכן טרערן אין אַ געבעט צו גאָט, דורך דער שליחות פונעם אַלטן רב אין בית־המדרש. אַזוי האָט מען זיך אָפּגעזעגנט מיט די סאָלדאַטן וועלכע זיינען קיינמאָל צוריק צו זייערע פאַמיליעס נישט געקומען.

שפּעטער מיט אייניקע טעג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער זאַפּאַס פון די אַרומיקע דערפער וועט דורכגיין דורך אונדזער שטעטל, דאָס, האָט ווידער אַרויפגעוואָרפן אַ מוראדיקן געפיל, ווייל אין יענער צייט, ווען די אַרומיקע קריסטלעכע באַפעלקערונג איז געווען אַזוי אויפגערייצט אויף די יידן, אין פרידנס־צייט, איבערהויפּט איצט, ווען זיי גייען אין מלחמה, האָבן זיי פאַר קיין זאַך נישט קיין מורא, און ווער וועט ליידן אויב נישט די יידן? אַזוי האָט מען אין שטעטל אָנגעפאַנגען מורא צו האָבן פאַר דער קומענדיקער שעה.

איך וועל יענעם מאָמענט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווען מיין באָבע האָט מיך אין יענעם טאָג אָנגעטאָן איר פאַרטוך, און וויפל זי האָט גע־האַט קופּער און זילבער, האָט זי אַריינגעוואָרפן אין פאַרטוך און איך

האָב עס געמוזט אַוועקטראָגן פֿאַרבאַהאַלטן ביי מיין מומען וועלכע האָט געהאַט אַ מויער אין מאַרק מיט אייזערנע טירן און לאָדנס.

ווען איך בין אַרויס אין גאַס, איז שוין געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. אַלע זיינען געווען פֿאַרבאַהאַלטן אין די הייזער, מ׳האָט יעדער מינוט דערוואַרטעט, אַז דער זאַפּאַס וועט אָנקומען. איך בין געלאָפֿן אי־בערן מאַרק, און האָב געציילט די מינוטן פֿון מיין לעבן, כאָטש מיין באָבע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל ניט צוריקקומען ביז עס וועט אַלץ אַריבערגיין.

און אָט זיצן מיר אונטער פֿאַרמאַכטע טירן און לאָדנס, און מיט קלאַפּנדיקע הערצער, הערט מען זיך צו, צו די טריט פֿון די הונדערטער און טויזנטער יונגע און עלטערע גוים, וועלכע גייען ניט מיט זייער איי־גענעם ווילן צום שלאַכט־פֿעלד.

מיר קוקן אַרויס דורך די שפּאַרונעס און מיר זעען ווי כמעט אַלע פֿון זיי זיינען נידערגעשלאָגן, טרויעריק, און עס רופֿט ביי אונדז אַרויס אַ געפֿיל פֿון מיטלייד אויף אונדזערע שונאים.

עס איז אַלץ אַריבער שטיל און רואיק; מיר זיינען אַלע אַרויס פֿון דעם פֿאַרבאַהעלטעניש, און מיר האָבן זיך גענומען דערציילן ווי מיר האָבן מורא געהאַט צו אָטעמען, און מ׳האָט געדאַנקט גאָט וואָס אַלץ איז אַריבער בשולם...

איך האָב שוין ווידער געקאָנט טראַכטן וועגן משיחן. עס איז מיר גע־בליבן בלויז איין זאַך, צו קוקן אין דער צוקונפֿט און זען וואָס וועט ווידער קומען. אָבער געקומען איז ניט דאָס, וואָס מיין באָבע האָט מיר געזאָגט, נאָר דער גרויסער ווײ־געשריי וואָס די רוסיש־יאַפּאַנעזישע מלחמה האָט געבראַכט פֿאַר די אומגליקלעכע פֿאַמיליעס.

איך בין דערווײלע עלטער געוואָרן, קיין היים ביי מיין שטיף־מוטער האָב איך ניט געהאַט, בין איך געקומען קיין אַמעריקע אין באַגלייטונג פֿון מיין געטרייען פֿאָטער. מיין פֿאָטער איז דאָ געווען אַ קורצע צייט, דערנאָך איז ער צוריק אַהיים געפֿאָרן.

באַלד האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, וועלכע האָט געוויס פֿאַר־דינט דעם גרויסן משיח פֿון גערעכטיקייט און פֿרייהייט פֿאַר אַלע מענטשן און פֿאַר די יידן בפרט, — נו, וואו איז דער נייער משיח? אויב ער דער אַלטער איז נישט געקומען אויפֿן ווייסן פֿערדל ווי מיין באָבע האָט מיר פֿאַרזיכערט. זיינען דאָך שוין אַוועק אַזוי פֿיל יאָרן זינט דער וועלט־מלחמה,

און מען באָדט זיך נאָך אַלץ אין פרישע טייכן בלוט. און ווער איז שולדיק אין דעם? איז דער ערד־קוגל דען ניט גרויס גענוג, אַז מען זאָל יעדן שפּאַן ערד פאַרגיסן מיט בלוט פון יונגע מענטשן און קליינע, אומשולדיקע קינדער?

איך טראָג אַריבער מיינע געדאַנקען צו יענע יאָרן, ווען איך בין נאָך אַ יונג קינד געווען, און באַוואונדערט מיין באָבען, וואָס האָט מיר דערציילט וועגן משיחן, און איך וועב צוזאַמען יענע צייט מיט דער איצטיקער, און איך זע ניט די וועלט אין קיין שענערע פאַרבן ווי מיט פילע יאָרן צוריק. עס איז נאָר דער אונטערשייד, ווי אַזוי מיין באָבע האָט מיר דערציילט וועגן משיחן, און ווי אַזוי איך לערן און דערצייל איצט מיינע קינדער וועגן משיחן.

אויך זיי, ווילן וויסן, ווען וועט שוין קומען משיח פון יושר און גע־רעכטיקייט. איך קאָן אויף דעם קיין ענטפער ניט געבן. ווייל אַזוי לאַנג ווי יידיש בלוט ווערט נאָך איבעראַל פאַרגאָסן, און מיליאָנען מוטער־הערצער שרעקן זיך פאַר דער קומענדיקער וועלט־מלחמה, זיינען מיר נאָך זייער ווייט פון משיחן, דעם באַפרייער פון דער וועלט.